STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 04001

A TOG MIT YAAKOV GORDIN

Morris Winchevsky

•

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

א טאָג מיט יעקב גאָרדין.

A DAY WITH JACOB GORDIN

SPENT AND DESCRIBED

BY

MORRIS WINCHEVSKY

PUBLISHED BY M. MAISEL
422 GRAND STREET, NEW YORK, N. Y.
1909

א טאג מיט
יעקב גארדין

דורכגעלעבט און בעשריעבען

פון

מאררים ווינטשעווסקי

פערלאג מ. מייזעל,
422 גרענד סטריט, ניו יארק.
.1909

COPYRIGHT, 1909 BY
LEOPOLD BENEDICT
NEW YORK, N. Y.

ALL RIGHTS RESERVED.

פרוי אננא גארדין
און איהרע קינדער מיט
ליעבע געווידמעט.

מ. וו.

פאָרוואָרט.

דעם 27טען מאַי איז פאַר קיינעם פון זיינע נאָהענטע פריינט שוין מעהר קיין שום צווייפעל ניט געווען, אַז יעקב גאָרדין שטאַרבט, און אַז דער טויט איז ניט מעהר „הינטער די בערג", נור הינטערן שוועל פון זיין טיר.

ביי מיר און, וואהרשיינליך, אויך ביי די אַנדערע, איז דאַן כמעט פערשוואונדען געוואָרען יעדע מעגליכקייט צו אַרבייטען און צו לעבען, ניט האָבענדיג נאָך־אַנאַנד און אונאויפהערליך דעם גרויסען מאַן אין געדאַנקען און פאַר די אויגען.

יענעם טאָג האָב איך בעשלאָסען אָנצופאַנגען צו ער־פילען מיין פליכט צו איהם — די פליכט פון אַ פריינד. איך האָב בעשלאָסען איהם צו בעשרייבען אַלס מענש און אַלס דיכטער אויף אַזאַ'ן אופן, אַז מיין שריפט זאָל טראָגען אויף זיך דעם שטעמפעל: אמת, אַזוי ווייט ווי איך בין דערצו פעהיג. דאָס צו עררייכען האָב איך געוועהלט די פאָרמע, וועלכע דער לעזער האָט פאַר זיך, דאָס הייסט, בעשרייבענדיג אַלץ וואָס איך האָב ווירקליך אַליין דורכגעלעבט יענעם טאָג, ווען יעדער שריט און יעדע טהעטיגקייט האָט אין זיך געהאַט

עטוואס פון גארדין'ס טרויעריגער געגענוואַרט און טהאַטענ־ רייכער פערגאַנגענהייט.

איך ווייס, אז מיין ווערק איז ניט דאס וואס זיין אנ־ דענקען וואלט פערדיענט, אבער איך האב בעסער ניט גע־ קענט, שוין גאר ניט רעדענדיג דערפון, וואס אין פיעלע ערטער איז ארויסגעקומען די שריפט עטוואס בלאס, מחמת אין די טינט האט דא און דארטען ארונטערגעטריפט א טרער.

מ. וו.

א טאָג מיט יעקב גאָרדין

אין דעם שאָטען פון טויט.

דאָנערסטאָג פריה.

דער זייגער איז ערסט 7, און איך בין שוין ארויס פון בעט. עס איז גוט צו זיין געזונד: אויפגעכאַפּט זיך, אויפגעשטאַנען און ארויס פון בעט, ארויס פון דעם טעמפּאָרערען קבר, וואו מען איז געלעגען אָהן בעוואוסטזיין, דאָס הייסט אלזאָ, אָהן לעבען גאַנצע זעקס שעה.

ע ר איז מיין ערסטער געדאַנק.

ע ר קען דאָס ניט. ער כאַפּט זיך אויך אויף, עפענט אויך אויף די אויגען, אָבער ער שטעהט ניט אויף און געהט מעהר שוין ניט ארויס פון בעט... יעדענפאלס ניט אליין.

ווען איך זעה איהם אין בעט, קומט מיר פאָר אז איך זעה איהם אין אן אונבעדעקטען ארון, אז איך זעה איהם שוין טויט, מעהר־נישט ער איז אזוי ווי בעוועגליך־טויט, ווי א זייגער וואָס זיין ספּרוזשינע איז שוין כמעט אָבגעלאָפען און ער בעוועגט די ווייזערלעך אויף זיין ציפערבלאַט מיט די לעצ־טע כחות און הגם זיי דערלאַנגען זיך נאָך אַלע ווייל א ריהר — ווענינסטענס דער לענגערער, אָבער ווענינער בעדייטענדער ווייזער: דער וואָס ווערט בטל בששים לגבי דעם קלענערען אָבער וויכ־טינערן בענלייטער זיינעם — ווייזען זיי שוין מעהר ניט די צייט, פּראָקלאַמירען זיי זי ניט מעהר דורך דעם קלאַנג פון זייער גלאָק־

פערקינדער, ווייסען זיי שוין ניט מעהר פון טאָג און נאכט און איהר מעגט זיך ריכטען, אז אָט־אָט שטעלען זיי זיך אין גאנצען אָב.

אמאָל וואָלט איך געגלויבט אז יבוא יומו: קומען וועט די צייט ווען עס וועט זיך דערהערן א קול שופר און אן אלמעכטיגע האנד וועט פון דאָס נייע אָנציהען דעם וואונדערבארען מעכאניז־מוס, און ער וועט דאן געהן אויף אייביג מיט יענעם „פערפעטואום מאָבילע" פון וועלכען זיין אייגענער, „מטורף" האָט געטרוימט. אמאָל, יאָ, אָבער לאַנג, לאַנג צוריק.

* * *

ווי געזאָגט: דער זייגער איז ערסט 7. נאָר וואָס האָט דער קירכען־גלאָק געקלונגען זיעבען. איך שרעק זיך ניט פאַר קיין גלאָק. איך בין א איד... מיר אידען שטאַרבען אָהן גלאָקען און ווערען בעגראָבען אָהן מוזיק; פאַר אונזער מענה־לשון האָט מענ־דעלסזאָהן־בארטהאָלדי ניט געשריעבען קיין נאָטען און צו אונ־זער הספד איז ניט נויטיג קיין הארמאָניע... אידישע טרעהרען גיסען זיך שטיל, העכסטענס, בעגלייט זיי א מאָל: דאָ און ארוים געריסענער ווילדער אויסגעשריי, דאָרטען א האלב אונטערדריקטער שלוכץ א שוואכער זיפץ: קיין שום פאָליציי אָרדאָנאַנץ קען גאָר נישט האָבען געגען זיי.

און דער גלאָקענקלאַנג דערשרעקט מיך ניט. דאָס צייגט מען ניט אָן זיין טויט... דאָס איז נור אן אָנצייגע, א געוועהנליכע אלטעגליכע אָנצייגע אז דער טאָג איז זיעבען שעה אלט און אז איך מעג אויפשטעהן אויב איך וויל, — איך, וואָס קען דאָס דער־וויַיל נאָך טאָן, ווען איך וויל.

געמעגט האָב איך על פי יושר שלאָפען נאָך אביסעל לענגער, מחמת איך האָב זיך די נאַכט פריהער שפּעט געלעגט, און זעקס שעה אין א מעת לעת שלאָפען, הגם דאָס הייסט זיין זעקס שעה גע־שטאָרבען, איז פאַר מיר ניט גענוג.

מחשבות׳ן! ע ר שלאָפט אלע ווילע איין היינטיגע צייטען...

מיר דוכט טאַקע, אַז דאָס שטאַרבט ער אַלע ווײַלע און שטעהט אַלע ווײַלע אויף תחיית המתים, אפשר געגען זײַן אייגענעם ווילען, ווער ווייס.

יאָ, איך וואָלט געווים געמעגט נאָך שלאָפען, אַ האַלבע שעה לכל הפחות, אָבער איך פיהל אַז די אויגען וועלען זיך שוין ניט צומאַכען צוריק, און אַז שוין יאָ אויפגעשטאַנען, לאָז שוין זײַן אין גאַנצען.

איך וואַש זיך אָרום און ראַזיר זיך... ער, קלער איך, זיך ראַזי־רענדיג, האָט אויסגעהאַלטען זײַן שעהנעם לאַנגען באָרד ביז איצט. אמת ער אַליין ליעגט אַ פערברענטער, ליגט אַן איבערגעברענטער, וויל איך זאָגען, זעהט אויס שוואַרץ, וועהרענד דער אַמאָליגער שוואַרצער, פעך שוואַרצער באָרד איז איצט ווייס — ווייס ווי דעם קינד׳ס אָדער דעם ברמינן׳ס אונשולד — און איז היינט מעהר אַ שטער ווי אַ תכשיט, מחמת זײַן אייגענטהימער הוסט נאָך אַנאַנד... הוסט אַרוים פון זיך שטיקער לעבען און ווען עס קומט צום אָבווישען די ליפּען — וואָס דאַרף ווער וויסען אַז אַ שטיק לעבען איז דורך זיי אַרוים? — דאַן איז דער אַמאָליגער שעהנער באָרד טאַקי נור אַ שטער.

בקיצור, איך וואַש זיך אָרום, ראַזיר זיך און געה אַריין אין עס־צימער.

מײַן גלאָז טיי ווערט קאַלט.

אויף מיר וואַרט אַ גלאָז טיי.

איך וויל זיך אַנידערזעצען בײַן טיש, אָבער דער שעהנער, העלער, פרישער מאַי־מאָרגען מאַכט מיך אַרויסקוקען אויפ׳ן גאַס. מײַן בליק בעגעגענט די גרינע, לעבעדיגע בלעטער אויף דעם בוים, וואָס בליקט אַריין אין די פענסטער פון מײַן עס־צימער און שיינט צו מאַכען חנ׳דעלעך צו מיר און שיינט זיך צו רייצען

מיט מיר, ווי איינער זאָגט: „אַלטער פעפער! האָסט שוין געמעגט לאַנג זיין אין גאַס, אַנשטאָט צו אָטהעמען די האַלב־פערשטיקטע לופט צווישען די ענגע ווענד פון ציגעל און וואַפּנע!“

ער, טראַכט איך, האָט אויך לעבען זיין פענסטער בוימער מיט א נייעם פריהלינגס־לעבען אין זייערע בלעטער. ווען די יסורים לאָזען איהם מינוטענווייז אָב מאָלט זיך אָב דיזע ווידעראויפגע־לעבטע נאַטור מיט איהר שעהנהייט און פרישקייט און איהר ריח ניחוח אין זיינע איצט מאַטע אויגען, — די אויגען, וועלכע האָבען נאָך גאָר ניט לאַנג צוריק ארייננענומען א וועלט מיט יעדען בליק און האָבען היפּנאָטיזירט יעדען מענשען וואָס דער דאָזיגער שאַרפ־בליק האָט דורכגעדרונגען.

און ווידער זעה איך איהם — ווי מיט א פּאָר טעג צוריק — ארויסבליקענדיג פון זיין פענסטער אין גאַס; זעה איך ווי זיין בליק, פול מיט רחמנות פאר זיין אייגענעם לעבען, פול פון מיטלייד פאר זיינע, פאר דער צייט אָבגעשניטענע, יאָהרען, פאר זיינע אונגעבאָרען געבליבענע גייסטעס קינדער, פאר זיינע ניט געשאַפען, ניט פאָרמירט געבליבענע מענשענטיפּען, פון וועלכע זיין גרויסער מוח איז פול דעם גאַנצען לעצטען יאָהר — זעה איך, בקיצור, דיזען בליק געווענדעט צו דער בליהענדער נאַטור אין זיין פענסטער. און מיר דאַכט זיך, אז ער פרעגט זיי, צו איז דאָס אמת, אז דער מענש קען מעהר ווי איין פריהלינג ניט האָבען, אז —

„דעם לעבענס מאי בליהט איינמאָל און ניע ווידער“

ווי שיללער בעהויפּטעט? איז דאָס אמת? שיינט מיר זיין אויג צו פרעגען. דארף דאָס זיין אמת? איז דאָס א יושר אז דאָס זאָל זיין אמת? און אויב ניט א נייער פריהלינג, אויב ניט א נייער חג האָביב, טו וואו איז לכל הפּחות דער הערבסט — וויל ער ווי־סען — זיין חג האָסיף? ער האָט זיך דאָך דאָס די גאַנצע צייט געקליבען צו שניידען און ארייינצונעהמען די זאַנגען אין זיין שייער אריין, מחמת וואָס ער האָט ביז איצט גענאָסען פון די פרוכט פון זיין זריעה איז דאָך נור געווען א מין זומערהערבסט,

אן אונרייפער, פארדערציייטיגער, אונגעזונדער שניט מיט אונרייפע אייפּס, וועלכע האָבען איהם דאס אזוי קראנק געמאַכט.

אויף מיר ווארט א גלאָז טיי — א קאלטע.

קיין סכנה ניט, קלער איך. נאָך א קאלטגעוואָרענע גלאָז טיי קען מען קריגען א ווארעמע. שווערער איז א נייער וואַרעמער, פון דאס ניי אויפגעווארימטער, לעבענסהויך, ווען די הארץ ווערט אָבגעקיהלט...

וואונדערבאר ווי אלע מיינע געדאנקען דרעהען זיך, אזוי ווי בע'כשופ'ט, ארום דעם טויט!

פון דעסטוועגען עס איך פריהשטיק. דאָס לעבען בעשטעהט אויף זיינע רעכטע.

א גרויסער שוויינער.

דער זייגער איז אכט.

אויפשטעהענדיג פון טיש נאָכ'ן עסען, גיב איך ניט ווילענדיג ווידער א קוק אויף די גרינע בלעטער, וועלכע דער ווינד בלאָזט איצט, זיי בעוועגענדיג הין און צוריק, פון מזרח צו מערב.

און מיינע געדאנקען זיינען ווידער אין ברוקלין און מיר דוכט זיך פון דאס־ניי אז דאס בליק איך ארויס, ווי יענעם טאָג, פון זיין צימער, ניט פון מיינעם.

און מיר דוכט, אז זיין אונטערהאלטונג מיט די בלעטער פון די בוימער מוז זיין זעהר א פּאָעטישע, ווייל קיינער קען אזוי שעהן, אזוי מליצה'דיג, אזוי אינהאלטסרייך ניט שווייגען ווי ער.

איך דערמאָן זיך אָן א טאָג אין ווינטער מיט עטליכע יאָהר צוריק, וועלכען מיר האָבען ביידע צוגעבראכט אויפ'ן לאנד אין ניו־דזשוירסי.

אָט געהען מיר, דאכט זיך, שולטער ביי שולטער און, זיך

פיהלענדיג גאַנץ אַליין, דערצעהלען מיר זיך איינעם דעם אַנדערן אינטימע זאַכען, ער אָבער רעדט מעהר ווי איך: ער האָט אינטערעסאַנטערע, דראַמאַטישערע עפּיזאָדען אין זיין לעבען. די נאַטור אַרום אונז איז טויט, די מאַמע ערד ליגט איינגעוויקעלט אין אַ ווייסען קיטעל פון שנעע ווי פאַר דער קבורה. אַרום און אַרום איז שטיל; קיין ווינד בלאָזט ניט, קיין הונד בילט ניט, קיין האָהן קרעהט ניט, קיין זאַך הערט זיך ניט אויסער אונזערעביידענס טריט, פון וועלכע עס סקריפּעט, מיט אַ פּראָטעסט, דער שנעע אונטער די פיס; אויסער אונזערע ביידענס שטימען, וועלכע הילכען אָב אין די ריינע אַטמאָספערע צושטערענדיג איהר רוהע און איהר שטילקייט.

און ער, ווערענדיג מעהר און מעהר אַנימירט בעת ער רעט, בעת ער וואַנדערט אין ווערטער און בילדער אַרום זיין טהאַטענרייכע יוגענד, ער דערצעהלט און דערצעהלט... זיין קול איז שטילער און געלאַסענער ווי געוועהנליך, דערביי אָבער ליידענשאַפטליך־איינדרוקספאָל: מיר קומט פאָר, אַז דער דראַמאַטורג רעט ווי אַן עפּיקער וועגען אַ ליריקער — דער מיטעל־עלטער, ווי דער עלטער וועגען דער יוגענד — די טהאַט ווי דאָס וואָרט וועגען דעם גיפהל... איהר פערשטעהט וואָס איך מיין.

און מיט אַמאָל ווערט ער שטיל. איך וויל וואָס זאָגען נור איך שוויג, מחמת מיין מח האַלט אין פערדייען די רייכע גייסטיגע שפּייז, וועלכע ער האָט מיר אָקאָרשט געגעבען מיט אַזאַ פולע האַנד.

און איך שוויג אויך.

און מיר געהען ווייטער שולטער־ביי־שולטער אויף דיעזען לאַנגען שמאָלען וועג, מיט דער טויטער נאַטור אַרום און אַרום, מיט דעם אונפריינדליכען, מרה־שחורה׳דיגען הימעל איבער אונזערע קעפּ, פערטיעפט אין דער פערגאַנגענהייט. און איך, פול מיט איהם און פון איהם, הער, דאַכט זיך, ווי ער שוויגט; הער איהם פאָרטזעצענדיג זיין ערצעהלונג אָהן ווערטער; הער איהם רע־

דענדיג מיט געשלאָסענע ליפּען און, מיר דאכט, איך הער איהם קלערער, דייטליכער, בערעדטזאמער ווי פריהער.

דאַן שוין בעשלים איך ביי זיך דאָס וואָס איך האָב אייך נאַר־וואָס געזאָגט:

קיינער קען אזוי שעהן, אַזוי מליצה'דיג, אַזוי אינהאַלטסרייך ניט שווייגען ווי ער.

און איצט איז צייט אַרויסצוגעהן אין גאַס. האַלב ניין! איך טו זיך אָן.

זייערע מאַיעסטעטעלעך.

פאַר'ן אַרויסגעהן אין גאַס פערוועלט זיך מיר שטאַרק אריינ־געהן זעהן מיין פּלעמעניקעל, וועלכער וואוינט אין דיזעלביגע הויז וואו איך וואוין, נור מיט צוויי טרעפּען ניעדריגער. דער בחור איז אין גאַנצען קנאַפּע זעקס יאָהר אַלט און איז היינטיגען טאָג דער קעניג פון מיין האַרצען. ער הערשט דאָרטען כמעט אונבע־שרענקט, אַ קליינער סאַמאָדערזשעץ. אין מיין האַרצען בייטען זיך אַלע פּאָאָר יאָהר די דינאַסטיען, ווייל די הערשער מוזען דאָר־טען זיין קליינינקע און זיי ווערען געוועהנליך ענטטראָהנט ווען זיי ווערען 8—7 יאָהר אַלט, וואָס דאַן קומט אויף דעם אָרט פון די אָבגעדאַנקטע מאַיעסטעטעלע — קעניג אָדער קעניגין — אַ נייער מאָנאַרך, מענליך אָדער ווייבליך.

אַ קאָנסטיטוציע איז אין מיין האַרצען ניטאָ, דאָרטען איז ניטאָ קיין גרונד־געזעץ און ניט קיין אַנדער געזעץ, אפילו ניט קיין „באַילאָאָ'ס", מחמת דער קעניגליכער טהראָן האַלט זיך אויף ליעבע און אַלע געפיהלע, נייגונגען, נערוועז, מוסקולען און אַלע אַנדערע בירגער פון מיין האַרץ און איהרע קאָלאָניען אין דעם קערפּער מוזען בלינד געהאָרכען דעם רעגיערענדען מאָנאַרך. פאַר

מאַכט־מיסבּרויך איז זיך ניטאָ וואָס צו שרעקען, מחמת די ליעבּע בּעהערשט בּיידע צדדים.

זיינע מאַיעסטעט, מיין פּלעמעניקעל, האָט מיך עמפּפאַנגען ווי געוועהנליך — איך זעה איהם כמעט יעדען טאָג אויף א קורצע צייט, הגם זיין רעזידענץ איז פאר איהם אימער אָפען — און אויף א מינוט האָב איך זיך געפיהלט גליקליך.

אָבער טאַקע נור אויף א מינוט.

איהם בּעטראַכטענדיג, איז מיר איינגעפאַלען, אַז אין זיין הויז — דאָרטען אין ברוקלין — זיינען דאָ שעהנע עטליכע פון מיינע אמאָליגע הערץ־בּעהערשער: צוויי קעניגינען און איין קע־ניג פון דער דינאַסטיע גאָרדין.

און גלייך איז מיין גליקליכע מינוט געוועזען אַן אַלטע שטיק וועלטגעשיכטע, פערשאָלען און פערגאַנגען, כמעט ווי גאָר ניט געוועזען.

פאר מיינע אויגען האָט זיך אויפגעמאָלט אַן אַלט־מאָדישע, לאַנגזאַם זיך בּעוועגענדע פאַנטאַסמאַגאָריע מיט א גאַנצע רייהע פון בּילדער, וועלכע האָבען זיך געצויגען איבּער 14 יאָהר. דאָס זיינען געווען אַלערליי גרופּירונגען, צו פערשיעדענע צייטען, אין גוטע און שלעכטע פערהעלטניסע, אין וואָילטאָג און אין ענג־שאַפט, אָבער אימער בּין איך אין מיטען פון יעדע גרופּירונג, אימער מיט איין קינד אַלס הערשער אין מיין הארצען, בּעת די איבּעריגע, קעניגליכע פּרינצען און פּרינצעסינען, זיצען מיר אויף די קניע, אויפ'ן קאַרק, אויף די שולטערן, אָדער אין א קרייז אַרום מיר ערגעץ אויף א זאָפאַ, אָדער אויסגעזעצט אויף דער ערד.

און איצט, פיהלענדיג אַל־די ליעבּענדע, הייסע, כמעט ליי־דענשאַפטליכע קוסען, וועלכע קיין אַנדער קינד צווישען די הונ־דערטער אין די לעצטע פיער צעהנדליג יאָהר האָט קיינמאָל ניט געקענט מיר געבּען, טראַכט איך אַז די צייט איז פיעללייכט ניט ווייט ווען זיי וועלען זיין יתומים, ניט נור אָהן א פאָטער, זאָנדערן אָהן אַזא פאָטער ווי זייערער. עס איז שרעקליך!

און „קוסענדיג אַ זיי־געזונד“, נעהם איך אָבשיעד פון מיין פּלעמעניקעל, און פיהל דערביי, אַז אַנשטאָט זיך ארויסצושלאָגען פון מוח, האָב איך דורך דעם קליינעם מיך נאָך טיעפער אריינגעבראַכט אין יענעם קראַנקענצימער, וואו אַ מאור הגדול צאַנקט און וואַרפט זיך און האַלט ביין אויסגעהן, זיך ניט קימערנדיג ארום דעם חשך וועלכער וועט אונז אַלעמען באַלד ארומנעהמען, פערוואַנדלענדיג דעם מאַיאָווען טאָג אין אַ דעצעמבער־נאַכט.

און איך געה.

די גאָרטען־שטאָדט.

איך געה צו דער סאָבוויי־שטאַציאָן אויף 157טע סטריט און בראָדוויי, פינף בלאָק פון דער גאַס וואו איך וואוין.

צווישען דיעזע פינף בלאָק געפינט זיך אַ מין גאָרטען־שטאָדט, אַן אמת׳ער גן־עדן, ארומגעצאַהמט מיט אַ שטיינערנעם מויער, עפּעס אַזוי ווי איהם צו פערהיטען פון גנבים, — אַזוי מאַסיוו איז אייך געבויט דער פעסטונגס־מויער ארום דעם גרויסען גאָרטען.

איננעוועניג, אין דיעזען גן־עדן, די גאַסען זיינען ניט זעהר ברייט, אָבער אַזוי שעהן, אַזוי ציכטיג, אַזוי סימעטריש אויסגעלעגט, אַז אייך נעהמט פּשוט אָן אַ קנאה־געפיהל ווען איהר בעטראַכט, אַז די איינוואוינער זיינען געקליעבענע מענשען, מייסטענס רייכע לייט, וואָס וואוינען יעדער אין זיין אייגענעם בנין — ער און זיין ווייב, ווער־ניט־וואַר מיט אַ קינד, מיט צוויי.

„טרעפיק“ איז דאָרטען פיעל ניטאָ, און דערפאַר איז ניט וויכטיג וואָס די גאַסען זיינען שמאָלע. קאָנטאָרען און געשעפטס־הייזער זיינען דאָרטען אויך ניטאָ, און דערפאַר זעהען זיך אין דער גאָרטען־שטאָדט ניט קיין „וואָלקען־קראַצער“; אַנשטאָט אַ טייך, ווי אין אַנדערע שטעדט, איז דאָרטען דאָ אַ טיעפער ברייטער טהאָל: דאס איז דער וואונדערבאַרער בראָדוויי פון ניו יאָרק, וועלכער

טהיילט די שטעדטעל פאַנאַנדער אויף איסט און וועסט (צווישען אַמסטערדאַם עוועניו און דעם טייך האָדסאָן), און דיעזע צוויי שטאָדט־טהיילע פעראייניגט א שעהנער סוספענדירטער בריק.

און שעהן זיינען די גאַסען און די אַלעען און די בלומענ־בויטען און די פיעלע מאָנומענטען אינעווייניג, מיט די פּרעכטיגע שילדען אויף די טויערן פון די וואוינונגען. נאַטירליך, איז דאָרטען, ווי אומעטום, דאָ אַן אָרעמער קוואַרטאַל אויך, אָבער אפילו אין יענעם אָרעמען שטאָדט־טהייל איז אַלעס ריין און ציכטיג. פעה־לען פעהלט דאָרטען א גהעטטאָ, אָבער עס איז קיין ספק ניטאָ, אַז אפילו א „יודענפיערטעל" וואָלט דאָרטען געווען זויבערער און מעהר סאַניטאַריש איינגעאָרדענט ווי ערגעץ אַנדערסוואו אין דער וועלט. אידישע בלאָטע איז, נאָך אַלע מעשות, גאָר ניט מסיני, און אונטער בעסערע, אונטער גינסטיגערע אומשטענדען קענען אידען אויך זיין ריין, ווי מיר זעהען עס אין דייטשלאַנד.

און איצט, אין מאַי, איז די גאָרטען־שטאָדט פול מיט לוסט, לופט און לעבען אין יעדען ווינקעלע, ארום די הייזער; די פויגעלעך מיט די בלומען, דער ווינד מיט די גרעזעלעך, דער בלויער הימעל מיט דעם גרינעם ערד־קאָרפעט — זיי אַלע בלאָזען זיך און גלעטען זיך און פינטלען גנב'יש מיט די אויגען איינער צום אַנדערן א גאַנצען, ליעבען, העלען טאָג. אמאָל טרעפט אַז די לופט אויבען ווערט אויפערזיכטיג אויף דעם גן־עדן־גליק אונטען אין שטאָדט, און דאַן פערציעהט זי דעם הימעל מיט וואָלקענס, וועלכע גיסען זיך אין א גרימצאָרן אראָב מיט א קנאַל, און א פּאַל, און א בליץ פון רוצחים־אויגען, אויף די בויטען און בלומען, אויף די פויגעלעך און גרעזעלעך און די שטיינערנע בנינים מיט די מאָנומענטען.

אָבער באַלד ווערט דער הימעל ווידער קלאָר. די דערשראָ־קענע פויגעלעך, די געבויגענע גרעזעלעך, די פערפּלוכעטע בלומען, די פערוויסטעטע גאַסען לעבען פון דאס ניי אויף, גלייכען זיך אויס, טריקענען זיך אָב, צוכען זיך פאַנאַנדער, און די גאָרטענ־שטאָדט איז ווידער רייצענד מיט איהר שעהנהייט, לופט און דופט.

אַלעם לעבט ווידער אַרום די הייזער.

אָבער נור אַרום די הייזער, ניט אינעווייניג. די איינוואוינער קימערען זיך וועגען קיין זאַך ניט; זיי האָבען געמעגט האָבען גאָגאָל'ס טשיטשיקאָוו פאַר אַן אויבערהאַר: זיי זיינען „טויטע נפשות“.

די גאָרטענשטאָדט, צווישען אונז זאָל דאָס בלייבען, איז אַ בית־עולם.

און היינט, ווי אַלע טאָג, געה איך צום סאָבוויי פאַרביי דיעזען בית עולם, אָבער היינט געה איך לאַנגזאַמער ווי אימער, מחמת איך בין היינט דאָ מעהר אויף מיין ריכטיגען פּלאַץ ווי אומעטום; מחמת היינט זעהט מיר אוים די גאַנצע וועלט ווי אַ בית־הקברות, מעהר נישט די טויטע, פון וועלכע איך אַליין בין איינער, וואַנדלען אַרום אין דעם עולם התהו, ווייל די ערד נעהמט זיי ניט צו....

און מיט אַ לאַנגזאַמען טריט, מיט אַן אונזיכערן טריט, עפּעס אַזוי ווי ניט זיכער צו בין איך אַ בעל־גוף וואָס האָט ווירקליך אַ ממשות, אָדער אַ קערפּערלאָזער גייסט וואָס וואַנדעלט אַרום אין דער ערוואַרטונג אַז באַלד—באַלד וועט דער בת־קול אויסרופען: ישובו רשעים לשאולם! אפשר מיט אַן אַמעריקאַנישען „האַררי־אַפּ!“ דערצו — אַזוי, בקיצור, געהענדיג, קום איך ענדליך צום סאָבוויי אויף 157טע סטריט.

דאָ פערטראַכט איך זיך:

„זאָל איך געהן צום סיטי האָלל, אַרונטער צו נאַסוי סטריט און דאַן, שפּעטער, צום איסט־סאַייד, וואו איך פערדיען מיין חיונה, אָדער קיין ברוקלין — צו איהם — וואו איך פערליער איצט מיין....?“

איך בעשליס פאָרלויפיג קיין ברוקלין ניט צו געהן. גלייכער אָבצורופען אויפ'ן טעלעפאָן מיין פריינד פ., וועלכער וועט געוויס האָבען נייעס אַרום צעהן אַ זייגער.

אַ פערטעל צו ניין איז שוין איצט.

מחשבות'ן! אימער גלייכער פריהער צו וויסען וואָס דאַרטען ביי א י ה ם הערט זיך, מחמת אַניט געה איך אַרונטער מע־דיסאָן סטריט צו זיין הויז צו מיט אַ שרעק אין הארצען. אַ קשיא אויף אַ מעשה: אפשר איז דער מלאך המות שוין אין גאַס, בערייט זיך אַרויפצואוואַרפען אויף זיין קרבן...

אויף וואָס ער האָט קיין שליטא ניט.

אונטען אויפ'ן שטאַציאָן וואַרטען נור צוויי—דריי מענשען.

איך בין ניט זעהר איבעראיילט צו פאָהרען אין שטאָדט, אָבער איך קוק אַריין אין'ם לאַנגען טונעל אונטער דער ערד, פון וואַנען דער צוג דאַרף אָנקומען. עס זעהען זיך פון ווייטען אַ פּאָאַר רויטע אויגען אין דעם קאַרק פון אַ חיה־אויף־רעדער, וועלכע געהט אַוועג: געוויס, אַ צוג וואָס איז נאַר־וואָס אָבגעגאַנגען „אַרויף־שטאָדט", צום צפון צו.

וואָס פאַר אַ פערגלייך צווישען דעם אונטער־דער־ערד דאָ אין טונעל און דעם אונטער־דער ־ערד אין דער קליינער גאַרטען־שטאָדט! דער טונעל איז דונקעל, פייכט, אָהן בייטען און אָהן קוויטען, מיט אַ גערוך פון אַ קבר, בעת דער בית עולם האָט אַ בוזים מיט בשמים, און בלומען, און ליכט, און גרינעם, בליהענ־דען לעבען!

די מתים זיינען אַל־ראַייט אין אונזער וועלט, גיב איך אַ קלער, אָבער מיר דערלאַנגט אַ שטאָך אין הארצען.

און איך נעהם אַוועג די אויגען פון'ם טונעל. איך טו אַ פּאָאַר שפּרייזען איבער'ן פּלאַטפּאָרם. פאַר מיר איז אַן אויטאָמאַ־טישער וואָג, מיט אַ קיילעכדיגען פּנים, מיט אַ לאַנגען ווייזער, מוכן ומזומן מיר צו זאָגען ווי פיעל איך וועג פאַר אַ קליינינקייט. איך דאַרף נור אַריינוואַרפען אַ פּעני איהם אין מויל אַריין. דאס שלינגט ער אַרונטער און דעם ווייזער שיקט ער אַרויף און איהר ווייסט אייער געוויכט, יאָ, אייער וויכטיגקייט.

איך פערטראַכט זיך פון דאס ניי.

ווען ער וואָלט זיך איצט דאָ קענען ארויפשטעלען און וואָלט אריינוואַרפען א פענני, ווי ווייט, א שטייגער, וואָלט דער ווייזער איצט געהן? פאר א יאָהרען אין דער צייט וואָלט ער אריבער־געשטויגען די ציפער 200, און היינט?

ווי זאָגט זיין אלישע בן אבויה? „פריהער ווערט מען פער־ענדערט, נאכדעם ווערט מען פערקלענערט און פערקלענערט, ביז מען גיסט זיך צונויף מיט דער מוטער־נאַטור“.

דער בייזער פיינד אין זיין קערפער האָט זיך בעזעצט, ווי דער וואָרעם אין דעם עפעל, און ער צעהרט און צעהרט אָהן אַן אויפהער, פערניכטענדיג וואָס ער קען ניט אויפעסען, נעגענדיג און צופענדיג וואָס ער קען ניט פערניכטען.

און דערווייל געהט זיין אמאָליגער קערפערליכער ריעזענ־געבאיי ארונטער און ארונטער. נור אויף דעם מארך, נור אויף דעם מוח שיינט דער שונא קיין שליטא ניט צו האָבען. וואָלט מען געקענט דעם גרויסען מוח וועגען — עס וואָלט פון פאר־א־יאָהערן ביז היינט זיכער ניט געפעהלט ניט איין איינציגער גראַם.

אויב דער קרעבס וואָס איז אין איהם איז אזא ריקשריטלער, אזא רעאַקציאָנערע מאכט ווי דער סאָציאַלער קרעבס ארום איהם און געגען איהם, אין פערשיעדענע צייטען פון זיין לעבען, דאַן איז דער עסק קלאָר:

דעם מאָגען, די לונגען, דעם לופטראָהר קען ער אָנגרייפען; פלייש קען ער אויפצעהרען, נערווען קען ער אויפרייצען, בלוט קען ער אויסזויגען, די גרויסע, גוטע, ליעבענדע הארץ קען ער פער־וויסטען, אָבער דעם מוח — אויף איהם האָט ער קיין שליטאָ ניט.

אלע קאמפפמיטעל פון דעם גייסטפיינדליכען, געדאנקען־פער־פאָלגענדען, רעגרעסיווען קרעבס, פון איהם וואָס געהט ריקווערטס, זיינען אזוי מאכטלאָז געגען א מוח ווי זיינעם, ווי פרעה׳ס שווערט איז געווען לגבי משה רבינו׳ס האלז.

פון דעסטוועגען, ווער ווייס וואָס מאכט ע ר? מען ווערט דארפען...

אהא ! אָט איז דער צוג !
„סאָוטה־פערריי עקספּרעס !" זינגט אויס דער קאָנדוקטאָר —
„וואַטש יור סטעפּ !"

„וואַטש יור סטעפּ !"

איך געה אריין אין וואַגאָן.
איך נעהם אריין אין האַנד מיין מאָרגענצייטונג און וויל אָנהויבען לעזען. איך קען ניט. איך וויים ניט ווארום, אָבער אין די אויערן קלינגט מיר דעם קאָנדוקטאָר׳ס ווארנונג : „וואַטש יור סטעפּ !" מאַכט דער טייטש : „זעהט וואו איהר געהט !"
ווארום ? דאכט זיך איך הער דאס אַלע טאָג שעהנע עטליכע מאָל. ווארום בלייבט און הילכט דאס היינט מיר נאָך אין די אויערן ?
נו.... וואָס מיינט איהר ? אפשר, מיט יאָהרען צוריק, בעת ע ר איז ערגעץ ארויף אויף אַן עקספּרעס, אויף אַ שנעלצוג אין לעבען, איך פיעלייכט אין אַ דונקעלן אָרט, און האָט זיך אַ לאָז געטאָן מיט עקסטרא־אימפּעט אויף אַ נסיעה צו אַ געפעהרליך־געשמאַקען מאָלצייט אָדער אַנאַנדער גיפּטיג־מחיה׳דיגען גענוס, פאָהרענדיג אפשר טאַקע אָהן אַ געקויפטען טיקעט, אָבער דאָך זייט, ווייט ניט אומזיסט, פערקעהרט, צאָהלענדיג (בלא יודעים) אַ שרעקליכען פּרייז ; טאַקע ניט האָבענדיג פיעללייכט די סכנה פאר זיך אז זיין פוס זאָל דורך אַ פאַלשען שריט שעדיגען זיך אליין, אָבער האָבענדיג די גרעסערע געפאהר פאר זיך אויף דער יאַזדע פערגיפטעט צו ווערען אויף יאָהרען, אום ענדליך צו ווערען אַן אָפּפער פון אזא העסליכען ראַק, — אפשר, זאָג איך, וואָלט דער מחבר פון „גאָט, מענש און טייוועל" נאָך היינט געלעבט, געליעבט, געוויירקט און געקעמפּפט, — געקעמפּפט טאַקע געגען דעם רעאַקציאָנערען קרעבס אין דעם אָרגאַניזמוס פון דער מענש־

הייט, ווען ערגיץ אַ קאָנדוקטאָר וואָלט איהם אין דער צייט, הגם אין אַן אַנדער זין, צוגערופען:

„וואַטש יור סטעפּ, סער!“

אפשר יא, און אפשר ניט. גיכער ניט. נאָך אַלע מעשות, ווער ווייס? מיט אַ טעמפּעראַמענט ווי זיינעם וואַגט מען ווייט, קלע־טערט מען הויך, לאָזט מען זיך אַרונטער טיעף, שפּיעלט מען מיט אַזעלכע סטאַווקעס, אַז דער לעבען ווערט אָפט געשטעלט אין קאָן, און מען פּעראַכטעט די געפאַהרען, און מען הערט ניט דעם פריינדליכסטען קאָנדוקטאָר ביין האַסטיגסטען שנעלצוג, אין דעם דונקעלסטען טונעל.

שווער צו זאָגען.

אַ שכן וואָס שטערט.

איך נעהם פון דאס ניי אריין מיין צייטונג אין האַנד. עס לעזט זיך אָהן אַ טאָלק. אַלע דעפּעשען זיינען עפּעס פון איין אָרט. די גרויסע סטרייקס אין פראַנקרייך און די געשעהעניסען אין דייטשלאַנד, ענגלאַנד, רוסלאַנד, דער טירקיי און אַנדערע לענדער ווערען עפּעס ווי דורך אַ מאַגיקער'ס שוואַרצע קונסט פערוואַנדעלט אין איין איינציגען קרעבס און די גאַנצע וועלט האָט זיך אריינ־געקליעבען אין ברוקלין! היינט געה, לעז!

איך לעג צונויף די צייטונג און וויל זי אריינלעגען אין קעשענע. די קעשענע איז פול. מען דאַרף איהר צו שטאַרק ניט אָנפּילען. וואָס איז דאָרטען?

גוט, חלעבען! זיין „גאָט, מענש און טייפעל!“ האָב נעכטען אָנגעהויבען עס (ווידער אמאָל) צו לעזען. איך האַלט אין מיטען פון'ם צווייטען אקט. אוריאל מזיק האַלט שוין זעהר ווייט מיט הערשעלע דובראָוונער און דיעזער איז שוין פון יענער זייט צדקות און נאָהענט צו פריידעניו.

לאָמיך לעזען ווייטער, קלער איך.

איך זיץ אויף איינעם פון די קווערבענק אין מיטען קאר. דער צוג איז דערווייל שוין אָנגעקומען אויף די 96טע סטריט און איך קריעג א שכן אויף מיין צווייזיציגען באנק.

דאס איז א מענש פון יענעם סאָרט וואָס מאכען זיך אומעטום היימיש און קימערען זיך ניט צו זיי פערנעהמען מעהר פּלאץ וויפיעל עס קומט אוים אויף זייער ניקעל, אָדער ניט.

איך האָב זיך געקענט איבערזעצען אנדערסוואו, אָבער איך בין געוועז צו פויל צו עמיגרירען פון מיין אָרט צוליעב בעקוועמליכקייט. נו, וועל איך ניט לעזען, האָב איך בעשלאָסען.

דעם ביכעל האָב איך אָבער געהאַלטען אין דער האנד, אויפגעמישט אויף די בלעטעל וואו מזיק לאָזט דעם אמאָליגען סופר סת"ם אויג־אויף־אויג מיט פריידעניו, קלערענדיג אז זיין פּלאן האלט אויף א דרך.

איך זיץ און טראַכט. ניט האָבענדיג גענוג געשלאָפען די נאכט, וואָלט איך פיעללייכט גאָר געכאַפּט א דרעמעל, נור מיך וועקט אלע ווײלע אויף ענטוועדער אן אָבשטעל פון'ם צוג, אָדער א שטורך אין זייט, א שטופּ אין עלענבויגען פון מיין שכן, יעדעסמאָל ווען איהם קומט אוים איבערצומישען א בלאַט אין זיין צייטונג.

און אזוי זיץ איך און טראַכט.

מיינע געדאַנקען וואַנדערן דורך די גאַנצע הערליכע דראמא און שטעלען זיך אָב אויף דעם טיטעל:

„גאָט, מענש און טייוועל".

אלישע, בעאַטאַ און די דרייאייניגקייט.

און דאַ דערמאָן איך זיך אָן אַנאַנדער ווערק זיינס, וועלכעס איז מיר נאָך ליעבער ווי יענע. איך דערמאָן זיך אָן „אלישע בן־אבויה“, וועלכער איז טהיילווייז אַן אויטאָביאָגראַפיע פון דעם פערפאַסער.

איך וועל אייך פאָרלעזען אַ טהייל פון אַ „ספּיטש“ אין דיעזער פּיעסע.

דאָס רעט בעאַטאַ, אַ מין מאַריאַ מאַגדאַלענאַ, וועלכע איז נאָך דערווייל אַ פאַלקאָמענער בשר ודם און ליעבט דעם גרויסען דענקער און פריידענקער, ליעבט איהם מענשליך הגם זי פערעהרט איהם כמעט ווי אַ גאָט.

אָט איז וואָס בעאַטאַ זאָגט:

„ערלויב מיר מיט מיין אונווירדיגען אויג דיך צו זעהען ווי דו ביסט אין דער ווירקליכקייט, ניט ווי דו שיינסט צו זיין פאַר די אַלע פרעמדע.... איך ווייס אַז אונטער דער געשטאַלט פון דיעזען אָבגעזונדערטען, שטאָלצען, צאָרניגען, אַלעס קריטיזירענ־דען און אָבשטויסענדען מענשען איז פערבאָרגען אַן אַנדער מענש, אַ גוטער מענש, אַ ליעבענדער, אַ צאַרטער, אַ גוטהערציגער, אַ גרויסמוטהיגער, אַ ליידענשאַפטליכער... דו ביסט פערשלאָסען אין זיך אַליין — עפען מיר אויף דיין האַרץ, ליעב מיך! איך וויל דיר אָפּפערן מיין לעבען, מיין זעעלע, מיין האַרץ... קענסטו מיך ניט ליעבען?“

דאַרויף טוט איהר אלישע אַ שלעפ צו זיך אין אַ ליידענשאַפט־ליכען פּאַראָקסיזם און שטויסט זי ווידער אָב פון זיך אַ רגע שפּעטער, זאָגענדיג:

„אונגליקליכע, איך וועל דיך פערברענען, ווי די זון פער־ברענט אַ צאַרטען בלום, איך וועל דיך צוברעכען ווי אַ שטורם־ווינד צוברעכט אַ יונגען בוים!“

די לעצטע ווערטער פאַי אלישע׳ס, פאַי בעאַטאַ׳ס זיינען

דאָ ניט וויכטיג. צוניץ קומען וועלען זיי אייך נור ווען איהר וועט וועלען פערשטעהן ז י י ן פּסיכאָלאָגיע אין פערבינדונג מיט אַנדערע זייטען פון זיין כאַראַקטער, מיט אַנדערע עפּיזאָדען און ערשיינונגען אין זיין פיעלזייטיגען, פיעל בלעטערדיגען לעבענס־בוך, וועלכען ער האָט זיך אַליין געקליעבען צו שרייבען אין דער פאָרם פון אַן אויטאָביאָגראַפיע נאָך גאָר ניט לאַנג צוריק.

דאָ אין דיעזען צוזאַמענהאַנג זיינען דיעזע לעצטע ווערטער געווען ניט וויכטיג און איהר האָט געמעגט זיי איבערהופּען.

אָבער נאָך אַמאָל זאָלט איהר מיר לייענען דעם ערסטען טהייל פון בעאַטאַ'ס רעדע, וואו זי כאַראַקטעריזירט דעם אינעוועניגסטען אלישע, וועלכער איז אַזוי גרונדפערשיעדען פון דעם אויסווע־ניגסטען. דיעזע ווערטער זיינען אַ שפּיעגעל אין וועלכען דער פּערפאַסער האָט זיך אַליין בעטראַכט בעת זיין פּענזיל האָט גע־צייכענט דעם בילד פון זיין העלד. ער אַליין איז אלישע'ס מאָדעל, — אי דער מאָדעל, אי דער מאַלער.

אָבער בעאַטאַ ווייס ניט אַלעס, און האַלטענדיג אין האַנד זיין אַנדער דראַמאַ: „גאָט, מענש און טייוועל" בעת דער שנעל־צוג דערנעהנטערט זיך צו סיטי האָלל, זאָג איך צו זיך אַזוי:

אַזאַ מין דריי־איינינקייט איז דאָ אין יעדען מענשען. אין די גרויסע מענער איז דאָס דאָ אין אַ העכערען גראַד, ווי ביי זיי איז אַלץ אין אַ גרעסערן מאַסשטאַב, סאַי גוטעס, סאַי שלעכטעס. אין יעדען מענשען, אַלזאָ, איז דאָ די קראַפט וואָס שאַפט — דער גאָט, די קראַפט וואָס צושטערט — דער טייוועל, און צווישען ביידען דער מענש, וועלכער ווערט בעאיינפלוסט און געפיהרט צו גוטען און צום בייזען פון די דאָזיגע צוויי קרעפטע: די שאַפענדע און די צושטערענדע.

און רוהיג, אָבער אימער טהעטיג און אימער ערנסט, איז דער גאָט אין דעם מענשען. דער טייוועל, דאַגעגען, דער מעפיס־טאָפעלעס, איז אימער אונרוהיג, אימער רעבעליש, אימער אויפ־רייצענדיג, אימער זיך רייצענדיג, אימער ברעכענדיג מיט לאַ־

מען, אימער שטעכענדיג מיט שפּילקעס, שטעכענדיג וואו ער קי־צעלט, ברעכענדיג וואו ער שטעכט.

די דרייאייניגקייט ביי די אַלטע הינדו'ס בעשטעהט פון בראהמאַ דעם בעשאַפער, ווישנו, דעם אויפהאַלטער (קאָנסערוועער) און סיוואַ, דעם צערשטערער. עהנליך דערצו איז אונזער אידי־שער בורא, דער יצר־טוב און יצר־הרע, הגם אָפיציעל האָבען מיר קיין דרייאייניגקייט ניט.

ווי די מעשה זאָל ניט זיין, זי, דיעזע דרייאיינגיקייט פון גאָט, מענש און טייוועל געפינט זיך, ווי געזאָגט, אין יעדען מענשען און איז קלאָר און זיכטבאר (פאר יעדען וואָס איז ניט בלינד דורך אונוויסענהייט, אָדער פערבלענדעט דורך אמונה) אין די גרויסע מענער.

ספּעציעל אין א י ה ם. דאס איז דער איינציגער שליסעל, מיט וועלכען איהר קענט עפענען די הארץ און צוקומען צו דעם אינהאַלט איהרען ביי איהם.... מיר וועלען וועגען דעם נאָך רעדען. אין דיעזען אויגענבליק איז מיר שווער צונויפצונעהמען די רעיונות און זיי אזוי צו קאָנטראָלירען, אז עס זאָל מעגליך זיין ווייטער צו געהן אין דיעזען וועג, און ניט צו פערבלאָנדזען אָדער צו פערקריכען אָן א זייט.

דאָ וועל איך נור זאָגען, אז אין איהם איז פעראייניגט מיט דער שאַפענדער קראַפט דער מ ע נ ש און דער ג י י ס ט... ניט פון צערשטערונג, געוויס ניט, אָבער פון שפּאָט, סאַרקאַזם, אונליעבע און אמאָל זאָגאר פעראַכטונג פאר שוואַכערע און צערט־ליכערע נאַטורען ארום איהם.

די קורצזיכטיגע האָבען געזעהן אימער נור איין דריטעל, זעלטען ווען צוויי דריטעל פון דיעזע הויך־קאָמפּליצירטע נאַטור; ווער־ניט־ווער האָט געזעהן דעם ג אַ נ צ ע ן מאַן און נור דער האָט איהם ריכטיג פערשטאַנען.

אַן אונגעדולדיגער וואָרעם.

אין ברוקלין־ברידזש (שטאַציאָן) שטייגען מיר אויס. דער זייגער איז שוין 20 מינוטען אויף צעהן. דרויסען איז דער גע־וועהנליכער דור־הפלגה טומעל. א קאַליעקע אויף איין פוס אין א סאָלדאַטסקען מונדיר באַט אייך אַן, ווי ער האָט אייך טעגליך אין אַלע וועטערען אויף דעמזעלבען פּלאַץ אַנגעבאָטען, א ביכעלע פון גרויס ניו יאָרקער גאַסען מיט א פּלאַן פון ניו יאָרק און ברוקלין, אַלעס פאר צעהן סענט. שטאָלץ, אָהן א רחמנות־פּנים און אָנגעטאָן אפשר ניט עלעגאַנט, אָבער ניט אָרעם: — זיין מונדיר איז נעמליך ריין און כמעט ניי, — שטעהט ער אויף איין פוס און איין קולע, און פערקויפט זיינע סחורה צו איינעם פון יעדע פינף־טויזענד, וועלכען ער באַט זי אָן. ער ווערט ניט נתפּעל ווען איהר קויפט און געפינט זיך ניט בעליידיגט ווען איהר געהט איהם פאַרביי, אפילו איהם ניט אָנקוקענדיג בעת ער ווענדעט זיך צו אייך מיט זיין קורצען סטערעאָטיפּען ספּיטש מכח דעם אינהאַלט פון זיינע ליטעראַטור פאר 10 סענט.

און לעבען איהם שטעהט אַן אַלטע פרוי מיט א דונקעל־בראָנזענעם פּנים, מיט אַן איינגעבויגענעם רוקען, מיט א שפּיציגע מאָרדעטשקע, איינגעוויקעלט אין א טוך, האַלטענדיג אונטערן אָרעם און לעבען זיך א גאַנצען פּאַק פון אַלערליי צייטונגען, פון וועלכע זי איז זיך מתפרנס. ווען ניט איהר אירישע ברייטע אויבערליפּ וואָלט איהר זי אָנגענומען פאר א קאַוונער מאַרק־אידענע. — דאָס הייסט איצט, אין מאַי ווען מען דאַרף שוין ניט, ווי מיט א פּאָר חדשים צוריק אין ווינטער, קיין פייערטאָפּ אונטער'ן קלייד, וועלכער ציוויליזאַציע יאָרקער ניו די האָט אָבגעשאַפט, הגם לעבען סיטי האָלל איז אָפט ביטער קאַלט אין ווינטער.

לעבען זיי ביידען שטעהען אַלע מעגליכע אַנדערע סוחרים פון נייעס, פון פינף סענטיגע ביכעלעך מיט אַספּידנע טאָפּעלעך (ווערטה „צעהן מאָל אַזוי פיעל") און בענדלעך פון שיך און וואָס ניט.... אָבער איך בעמערק זיי היינט ניט.

דעם קאָליקע זעה איך, דאס הייסט, הער איך, ווייל מיינע אויגען זיינען היינט עפּעס מטושטש. אפשר וואָלט איך איהם ניט געהערט אויך, נור ער טייטשט אוים, רעדענדיג וועגען זיין סחורה, אז דאס איז א פיהרער דורך ניו יאָרק און ב ר ו ק ל י ן.

דאס דערמאָנט מיך ווידער אָן א י ה ם.

דאָן דערזעה איך אין דער אַלטיטשקער׳ס צייטונג פּאַק די „סאָן“ און דאס צוזאמען מיט דעם וואָרט ברוקלין טוט מיר א שטאָך אין הארצען.

ווילט איהר דאָך וויסען ווארום, וועל איך אייך זאָגען.

איהר האָט דאָך געוויס געהערט פון די חיה היענא, וואָס מאכט א לעבען פון טויט, אויסגראָבענדיג מתים וואו נור זי קען, כדי זיי צו עסען. איהר האָט, אויסערדעם, געוויס אויך געהערט פון די פויגעלעך, רויבפויגעלעך, וואָס בעגלייטען ארמעען אין די מלחמות, ווארטענדיג אויף די געפאלענע, די טויטע, אום זיי צו פערצעהרען. זיכער קענט איהר אלע די היימישע חברה־קדישא, די קברנים, די שמשים, די ווערים אין די קברים, און אלע אנדערע וואָס האָבען א מאטעריעלען אינטערעס אין טויט?

נו, צו דיעזע אלע מעגט איהר צורעכענען דעם היינטיגען רע־פּאָרטער פון צייטונגען, וועלכער בעטראכט אויף דעם טויט, אמת נור פון רייכע, בעריהמטע, אדער עקרווינטע מענשען, אלס א וויכטיגען טהייל פון זיין פּרנסה.

און ווי ער וואַרט, אויסקוקענדיג די אויגען, אויף גרויסע שרפות, ערדציטערניסען, מלחמות, זעלבסטמאָרדען, גט־פּראָצעסען, רעוואָלוציאָנען (אויסער זיד־אַפּעריקאנישע, וועלכע זיינען מעשים בכל יום און דערפאר קנאַפּ וואָס אינטערעסאנט), סטרייקס מיט געבראָכענע שארבענס, „פּרייז־פייטס“ צווישען בעריהמטע קולאַק־גאונים און דערגלייכען, — ווי, זאָג איך, ער וואַרט אויף דאס אלעס, אזוי וואַרט ער מיט דער גרעסטער אונגעדולד אויף דעם טויט פון מענשען, מיט וועלכע דער עולם, אָדער א טהייל פון איהם, אינטערעסירט זיך.

אזא נפש, מעהר נישט אַן אויסערגעוועהנליכער נאַכאַל, גע־פינט זיך אין דעם אָפּים פון דער היגער „סאָן“.

דיעזער בחור פלעגט מיט א וואָך צוריק יעדען אָוונד טע־לעפאָנירען צו א י ה ם אין הויז.

דערביי פלעגט זיך אָבשפּיעלען אזא טראַגי־קאָמישע סצענע.

„גאַרדין׳ס הויז?“ פרעגט ער איבער׳ן דראָהט.

— יא, — ענטפערט איהם איינע פון די טעכטער.

„דאס איז פון דער „סאָן“, שוין טויט?“ דערמיט אייגענט־ליך וועלענדיג זאָגען: „איז ער נאָך אַלץ ניט טויט?“ און אפשר בורבלענדיג אונטער׳ן נאָז פאר זיך: „א מארודניק א ביסעל! עס קריכען ארויס די אויגען פון קאָפּ ביז מען דערלעבט צו קרי־גען די שטיקעל נייעס! חלעבען, גוסס׳ע מענשען האָבען ניט קיין גאָט אין הארצען! וואָס טראכט זיך, ווער וויים, אזא מענש?“

און ער טרויסט זיך געוויים מיט א שטיק קאַיי־טאַבאַק, וועל־כען ער קנייפּט ארויס פון זיין בייטעלע און מאַכט זיך דערמיט א געשוואָלענע לינקע באַק און לייכטער אויפ׳ן הארצען.

משמעות, איז איהם מיאוס געוואָרען פרעגענדיג, מחמת דער אונגראַציעזער ענטפער, וועלכען ער פלעגט קריעגען, פלעגט איהם ניט שטערען זיין געמיט און ניט אָבשטעלען אין זיין ארבייט; ער האָט אויפגעהערט אָבקלינגען דאס הויז.

אָרעמער וואָרעם, ער מוז זיך געדולדען.

ער, טאָלסטאָי און קונסט.

איך קויף אַן אָוועגדבלאַט, די אכטע אויסגאַבע פון׳ם „איווי־נינג דזשוירנאַל“, וועלכע איז ערשיענען אין דער פריה פאר ניין א זייגער. די זיעבעטע איז געווען אין גאַס ארום אכט און די פריהערדיגע זעקס אויסגאַבען וואהרשיינליך נור אין דער זעהר רייכער פאַנטאַזיע פון דער גרעסטער פון אלע געלע רעדאַקציעס פון

אמעריקא; עס איז יעדענפאלס צווישען מיינע בעקאַנטע — און שעהנע עטליכע זיינען נייעס־העגדלער צווישען זיי — ניטאָ ניט איינער, וואָס האָט ווען עס איז געזעהען אַ זעקסטע, אָדער אַ פינפטע אויסגאבע פון דעם דזשורנאל, שוין גאָר ניט רעדענדיג וועגען אַ פיערטע, דריטע, צווייטע אָדער ערסטע „עדישאָן“.

געוועהנליך עפען איך די צייטונג גאָר ניט אויף. איך לעז די ערסטע און די לעצטע זייט, — די ערסטע צוליעב די נייעס פון דעם אויגענבליק, וועלכעס איז אימער די סענסאציע פון'ם טאָג, אַן אמת'ע אָדער אַ פאַבריצירטע אויפרעגונג, און די לעצטע „פיידזש“ צוליעב די וויצען יעדער אין 4 אָדער זעקס אַקטען, פון וועלכע מען וויים די ראַזוויאַזקע גלייך ווי מען דערזעהט די קע־פעל, און נור אַזאַ „מענש וואָס לאַכט“ ווי וויקטאָר הוגאָ'ס וואָלט ווען עס איז אַ שמייכעל געטאָן, איינפאַך ווייל ער קען זיך ניט העלפען: ער האָט שוין אַזאַ מויל.

דער שפּאַס פון דיעזע וויצען בעשטעהט נור אין דעם, וואָס מען לייענט זיי, ניט אַכטענדיג אויף זייער וויצלאָזע וויציגקייט. משמעות, מען קען צו אַלץ געוואוינט ווערן

אויף דיעזער לעצטער זייט געפינען זיך אויך די בעריהמטע לייטארטיקלען פון ארטהור בריסביין, וועגען וועלכע איך וועל זיך דאָ ניט פערברייטען, ווייל אַלץ וואָס איך בין אויסען איז צו זאָגען דאס וואָס איהר וועט לעזען אין דעם נעכסטען פּאַראַ־גראַף, היינו:

געגען מיין געוואָהנהייט, עפען איך היינט אויף די אינע־ווענינסטע פּיידזשעס און געפין אין עטליכע שורות די שטיקעל נייעס, אַז פאַר לעוו טאָלסטאָי'ס בראָשורע „לא תרצח!“ האָט מען זיין ארויסגעבער סעלדען אין מאָסקוי געגעבען זעקס חדשים טורמע, וועהרענד דער מחבר אַליין האָט פערלאַנגט זיין שטראָף און האָט עס ניט געקענט קריגען.

אָבער אַנשטאָט זיך צו פערטראַכטען וועגען דעם גרויסען קינסטלער־פּרעדיגער, דעם שלמה־קהלת פון אונזער צייט, דעם

מאַן, וועלכען יעדער קריטיזירט און יעדער פערעהרט; אנשטאָט זיך ארייננצולאָזען אין א חקירה צו איז טאָלסטאָי אימסון — פערזיכערט, הייסט עס געגען אנגריפע — צוליעב זיין גראַף טיטעל, אָדער זיינע אכטציג יאָהר, אָדער זיין גרויסע פּאָפּולאַריטעט, אָדער זיין אינטערנאציאָנאַלען נאָמען, אָדער צוליעב דאָס אַלעס צוזאמען, — אַנשטאָט דאָס צו טאָן, פערטראַכט איך זיך וועגען אנאנדער זאַך. אייגענטליך וועגען צוויי אנדערע זאכען.

ערסטענס, דערמאַן איך זיך אַז ע ר איז דאָך איינער פון די ערסטע טאָלסטאָווצעס. און איך פערטיעף זיך אין דיעזען געדאַנקען.

ע ר, קלער איך, ווייט ווי ער איז היינט פון א קאָנסעקווענטען טאָלסטאָוועץ אין דעם פּרט פון ניט שטעלען זיך געגען דאָס שלעכטע, פון שטרעבען צו א מין צעליבאט, צו א מין אייביגע בחור׳שאַפט, בעקעמפּפענדיג די נאטור אין זיך, אלס א אידעאַל פון געשלעכטליכע ריינליכקייט און אין אנדערע פּרטים, איז פון דעסטוועגען נאָך היינטיגען טאָג טאָלסטאָי׳ס א שילער אין זיין אויפפאסונג פון קונסט און איהר צוועק. גאָרדין, צ. ב., האָט סאַי אין זיינע פּובליציסטישע שריפטען, סאַי אין זיינע וויכטיגערע סקיצצען, סאַי אין די נאָך וויכטיגערע דראמאטישע ווערקע, אימער גערעדט, ווייל ער האָט געהאַט עטוואָס צו זאָגען צו זיינע מיטמענשען, כדי זיי צו מאַכען בעסער, און עהרליכער, און געבילדעטער, און פרייער ווי ער האָט זיי געפונען. אין קונסט לשם קונסט האָט ער קיינמאָל ניט געגלויבט. דאָס הייסט ניט, אז פון זיין שטאַנדפּונקט מוז דאָס טהעאַטער זיין א טעמפּעל און דאָס דראמא א קרבן־מנחה סידור און דער שוישפּיעלער א שליח־צבור ביים עמוד און דאָס פּובליקום א זינדיגע קהילה, וואָס מען דאַרף פרייער מאַכען, מיט זיי דאַוונענדיג פון׳ם סידור, אָדער פאַר זיי פּרעדיגענדיג א ריהרערענדע דרשה אויף דעם קעלמער מגיד׳ס שטייגער, אָדער מיט זיי זאָגענדיג אשמנו. געוויס ניט. פון דער אנדערער זייט אָבער, האַלט ער אז די ביהנע, אָדער די סקיצצע, אָדער די צייטונג האָט א געוויסע מיסיאָן צו ווירקען אויף די

מענשליכע זיטליכקייט און אויף מענשליכע זיטען, וואס דאס קען ניט זיין אין ווידערשפרוך מיט די אמת'ע קונסט, וועלכע קען און מוז ווירקען אויף די הערצער און די מוחות זיי מאכענדיג ריינער און אויפגעקלעהרטער אין דערזעלבער צייט וואס זי זעטיגט דאס עסטעטישע געפיהל און בעפריעדיגט די אויגען, זיי געבענדיג ביל־דער פון שעהנהייט...

געוויס, די פראגע איז אלט, אזוי אלט ווי די געשיכטליך־בעקאנטע מענשהייט. גארדין מעג זיין גערעכט, אדער ניט, און טאלסטאי מעג זיין גערעכט אדער ניט. אבער פלאטא איז מיט עטליכע און צוואנציג הונדערט יאהר עלטער פאר זייביידען און ווער עס וויל קריטיזירען גארדין'ס ווערקע מוז פריהער זיך אב־רעכענען מיט אלע וואס שטעהען אויף זיין שטאנדפונקט פון די צייטען ווען פלאטא האט געשריעבען זיין רעפובליק ביז די צייטען פון לעא טאלסטאי.

דאס איז דער ערסטער געדאנק אויף וועלכען די שטיקעל נייעס פון רוסלאנד ברענגט מיך ארויף. אט איז דער צווייטער:

איינער פון טאלסטאי'ס טיעף־פסיכאלאגישע קונסט־ווערקע, אויך געשריעבען ניט גלאט אין דער וועלט אריין... לשם קונסט, איז „דער טויט פון איוואן איליאיטש".

איך זעה מיט אמאל די גאנצע געשיכטע ווי אזוי דער ריכ־טער, א מיטגליעד פון דער סודעבנער פאלאטא איוואן איליאיטש גאלאווין געהט לאנגזאם אבער זיכער ארויס פון דער וועלט.

איך דערמאן זיך אן די פיעלע סצענקעלאך ביי טאלסטאי צווישען דעם קראנקען און די ארומיגע מענשען, וועלכע זיינען אין פיעלע היגזיכטען אזוי עהנליך צו דאס וואס איך זעה אלע טאג ביי איהם, אין ברוקלין.

די איינצעלהייטען זיינען, פערשטעהט זיך, גרונד־פערשיעדען. זיינע דאקטוירים זיינען גוטע ערגעבענע פריינדע, וועלכע נעהמען גאר נישט און גיבען אלץ וואס אין זייער מאכט שטעהט; זיין פרוי איז ניט קיין פראסקאוויא פיאדאראוונא, ביי וועלכער

דעם מאַן׳ס קראַנקהייט איז אַ שטער אין איהרע וויזיטען — מאַ־כען און עמפּפאַנגען — אין איהרע פּלענער מכוח אַ שדוך פאַר די טאָכטער; אַזאַ טאָכטער איז אויך מיין פריינד׳ס ווערא ניט, וועלכע פאָדעט טאָג און נאַכט ענטוועדער אַרום איהר קראַנקען פאָטער, אָדער העלפענדיג די אויסגעקוועלטע מוטער, אָדער טראַכ־טענדיג וועגען די הילפלאָזע קלענערע קינדער.

אמת, די איינצעלהייטען זיינען גאַנץ אַנדערע, שוין גאָר ניט רעדענדיג דערפון, וואָס ע ר איז אַזוי ווייט פון איוואַן איליאיטש, ווי אַ גרויסער מאַן קען נור זיין פון גלאַט אַ לאַנגען און דיקען מאַן, הגם ביידע זיינען אפשר גלייך הויך געשטיגען און זיינען איצט גלייך מאַכטלאָז און אונבעוועגליך אויסגעצויגען אויף אַ בעט וואָס קען ווערן אַ מ ט ה אַלע אויגענבליק.

דאָס איז אַלעס אמת, אָבער פון דעסטוועגען האָב איך איצט אין די געדאַנקען אָהן אַ שיעור קליינע סצענקעלעך, פיעלע, פיעלע עפּיזאָדען אין דעם גאַנג פון די מערדערישע קראַנקהייט ביי אי־וואַן איליאיטש, וועלכע מאַכען מיך מאָמענטענווייז דענקען, אַז דער אַלטער טאָלסטאָי האָט באספּקלריה המאירה פאָראויס געזעהן דעם סוף פון זיין גרויסען אידישען שילער פון אַמאָל.

מיר טוט איצט אויפ׳ן גאַס שרעקליך לייד וואָס איך האָב ניט ביי זיך דעם באַנד פון טאָלסטאָי וואו עס געפינט זיך „דער טויט פון איוואַן איליאיטש" און איך בעשלים ביי זיך אויסצוקלייד בען און צו ציטירען די דאָזיגע „פּראָפעטישע שטעלען" אויב איך וועל עפּעס שרייבען וועגען איהם.

געלעזען האָב איך דעם „טויט פון איוואַן איליאיטש" נאָך גאָר ניט לאַנג, ערסט מיט צוויי וואָכען צוריק. איך בעניי איצט אי־בערהויפּט פיעלע אַלטע בעקאַנטשאַפטען. איך ליעב די רוסישע ליטעראַטור אַלץ מעהר וואָס מעהר מיך דערווייטערט די צייט (היינט שוין 32 יאָהר), די פּאָגראָמען און יודען פערפאָלגונגען און די אַלגעמיינע רעאַקציע פון מיין שטיעף־פאָטערלאַנד. עס איז וואונדערבאַר, כמעט אונערקלערליך אָבער דאָך אַזוי. אפילו מיין

אויפגעוועקטער, שטאַרקער געוואָרענער נאַציאָנאַל־געפיהל שטערט מיך דאַרין ניט.

דער אידישער רום.

דער זייגער איז 10. מיר ווילט זיך זעהר שטאַרק וויסען וואָס עס הערט זיך אין ברוקלין.

דערוויל פאַלט מיר איין, אז עס וואָלט געווען א יושר ארייג־צוגעהן אין פאָסט־אָפיס און קויפען א פעקעל פאָסטקארטען. איך געה אריין און געפין ארום און ארום אין די קאָררידאָרען א מאַסע מענשען, כמעט אַלע שטאַרק פערטאָן, אַלע פערסמאַיעט, — אַלע עפּעס אַזוי ווי עס וואָלט אין ערגיץ קיינער גאָר ניט האַלטען ביים שטאַרבען; אַלע מיט בריעף אין די הענד אוועגצושיקען, מיט בריעף אין די געדאַנקען, וועלכע זיי ווילען ערהאַלטען; אַלע פול ענטוועדער מיט געשעפטס־פּלענער, אָדער מיט ליעבעס־געפיהלען, די און יענע אין בריעף, וועלכע אָנקעל סעם׳ס פּאָטשטאַליאָנען דאַרפען אוועגפיהרען אָדער ברענגען.

די פּאָסט? א קאָמערציעלע — ע ר וואָלט געזאָגט א קאָ־מערטשעסקע — אינסטיטוציע היינט. דער אַלטער בערנע איז גע־ווען גערעכט: „די ליעבע האָט די פּאָסט ערפונדען און די קויפ־מאַנשאַפט בענוצט זי".

יא, ע ר וואָלט געזאָגט א „קאָמערטשעסקע" אינסטיטוציע.

איך פערטראַכט זיך פון דאָס ניי.

וואונדערבאַר, ניין? אָט האָט א מענש אָנגעשריעבען און אדאַפּטירט בסך הכל א שטיקלעך 70 דראַמען, אויב ניט מעהר, פאַר די אידישע ביהנע. אין זיי, כמעט אין יעדע פון זיי, זעהט זיך מעהר אידעשקייט, מעהר תלמודישע אידעשקייט ווי ביי ער־גיץ אַנאַנדערן פון אונזערע דראַמאַטורגען. זיינע רבנים, חזנים,

שמשים, מלמדים, סופרים, גבאים, בטלנים, סוחרים־לומדים, יונגע מאַנטשיקעס זיידענע, — אַלע רעדען זיי ביי איהם מיט א רייכען לומד׳ישען ווערטערשאַץ. אַלע זיינען זיי אידען ניט נור אין יעדער בעוועגונג, וואָס דאָס קען אַמאָל זיין צו אַ געוויסען גראַד די ארבייט פון די אַקטיאָרען, אָבער טאַקע אין זייער לשון, אין זייער „פּראָזאַ“.

הערענדיג פון דער ביהנע זיינע אַ פּיעסע וואָלט איהר מיינען:

אַזעלכע זאַכען שרייבט געוויס אַ איד אַ למדן, איינער וואָס זיצט איבער ספרים, וואָס לעבט אין אַן אַטמאָספערע פון אידישקייט, וואָס איז אין אַזאַ „סביבה“ געבאָרען געוואָרען און האָט זיך אין איהר געהאָדעוועט. דאָס איז, בקיצור, אַ איד ככל משפטו וחקתו, אַ איד מיט אַלע קליפּערלעך און איהר וואונדערט זיך דאָן ווי קומען ביי איהם ארוים אַזוי שאַרף אָבגעטאָקט די רוסישע ווערטלעך, אידיאָמען און פראַזען דאָרטען וואו ער בעדאַרף זיי?

און דער אמת איז, אז נאָך היינטיגען טאָג — און איך זאָג דאָס ניט לויבענדיג און ניט טאַדלענדיג, נור קאָנסטאַטירענדיג אַ פאַקט — איז דער מחבר פון דעם „רוסישען איד“ אליין נאָך אַ אידישער רוס; נאָך היינט איז ער אין דער היגער רוסיש־אידישער קאָלאָניע דער איינציגער וועמען עס „קליידט“ דער נאָמען „יאַקאָוו מיכאַילאָוויטש“, ווי כמעט יעדער נאָהנטער בעקאַנטער וואָלט איהם אינסטינקטיוו און עפּעס כדרך הטבע אָנרופען, אריינגעהענדיג אין אַ געשפּרעך מיט איהם. ער איז נאָך היינט אַזוי רוסיש אין זיין אומגאַנגשפּראַך, אַפילו ווען ער רעדט אידיש, ווי אין דער צייט ווען ער האָט געשריעבען אין רוסישע צייטונגען. ער איז נאָך היינט אין זיין סאַרקאַסטישען אנגריף אויף אימיצען דער „איוואַן קאַליוטשי“, פון די זיעבציגער יאָהרען.

און ניט אַכטענדיג דאַרויף וואָס אין די לעצטע 15 יאָהר האָט ער געלעזען מייסטענס ענגליש און דייטש, אָבגעבענדיג אָפשר נאָך וועניגער צייט דער רוסישער שפּראַך ווי דער אידישער;

ניט אַכטענדיג דאַרויף וואָס איבסען, הויפּטמאַן, סודערמאַן און סטרינדבערג האָבען איהם איצט פיעל מעהר אינטערעסירט ווי די רוסישע מאָדערנע דראַמאַטורגען פון אָסטראָווסקי ביז אַנדרעיעוו; ניט אַכטענדיג דאַרויף וואָס ער האָט שוין אפילו ניט מעהר געהאַט קיין זעהר שטאַרקען וואונש זיך אומצוקעהרען און וועניגסטענס צו בעזוכען זיין אַלטע היים; ניט אַכטענדיג דאַרויף וואָס ער איז שוין זאָגאַר געקומען אַזוי ווייט ניט נור זיך צו לאָזען נאַטוראַליזירען, זאָנדערן צו געפינען א סך זאַכען צו בעוואונדערן אין אַמעריקא, — ניט אַכטענדיג, זאָג איך, אויף דאָס אַלעס, איז ער נאָך היינט אין הארצען א רוס, טאַקע א אידישער רוס, אָבער דאָך א רוס, און ווען אַלץ ווערט איהם נמאס, לאָבט ער זיך, נאָך אימער מיט די עראינערונגען אָן גריבאָיעדאָוו'ס טשאַצקי און גאָגאָל'ס כלעסטאַקאָוו.

דעמאָקראַטיזמוס און דרך־ארץ.

כדי עובר צו זיין אויף א לאו פון'ם דאָקטאָר — איך בין אויף א דיעטע — געה איך אריין אין איינעם פון יענעם ביליגערע רעסטויראַנען ארום סיטי האָל וואו מען קען זיך פערשאַפען א טאַסע קאַפע ניט זייענדיג געצוואונגען צו עסען ווען מען וויל ניט. אין אידישע "קאַפע־סאַלונס" איז מען געוואוינט דערצו, אז מענשען זאָלען זיך לאָבען מיט איין איינציגע גלאָז טהעע אָדער קאַפע און ווייטער גאָר נישט, דערביי אָנפיהרענדיג לאַנגע שקלא־וטריא'ס וועגען פּאָליטיק — צווישען איין אָפּערא־סעזאָן און דעם צווייטען — וועגען סטרייקס, וועגען די „גדולים" אין דער בעוועגונג, וועגען ליטעראַטור, איבערהויפּט דעקאַדענטיש־סימבאָליסטיש־מאָדערניסטיש־אימפּרעסיאָניסטישע, וועגען די פּרעסע און איהר פיהרונג, וועגען סאָנין און סאַניניזם און א סך אַנדערע אַזעלכע זאַכען.

ביי זיי ביניהם קען מען היציגע דעבאַטען אפילו אין די ביי־

ליגע רעסטוראַנען ניט אָנפּיהרען, אָבער אין דיעזע קען מען שוין זיין אָרעם אָדער קאַרג געגוג כדי ניט צו דאַרפען אויסגעבען מעהר ווי איין איינציגען ניקעל.

וואָלט — פאָלט מיר איין — גאַרדין אריינגעגאַנגען אין א ניט־אידישען רעסטוראַן נאָך א גלאָז טיי און ווייטער גאָר נישט? איך גלויב אז ניט.

ער איז אימער אין אזעלכע פעלע געווען פריהער פאַר אַלץ א דזשענטעלמען, זאָגאר א שטיקעלע אַריסטאָקראַט. ער האָט ניט אין זיך, דאָס איז אמת, די גאווה וואָס וואָלט איהם שטערען אריינצוגעהן אין א ביליגען רעסטוראַן איבערהויפּט, האָט אָבער די גאווה, אָדער ווי איהר וועט דאָס אָנרופען, ניט אויסצווזעהן קאַרג אָדער אָרעם. מיר דוכט אז ווען ער וואָלט ניט האָבען מעהר ווי איין ניקעל, וואָלט ער אפילו אין א אידישען קאַפע־סאַלון ניט אריינגעהן, מחמת ער וואָלט אין אזא פאַל דעם איין ניקעל גיכער אוועקגעגעבען דעם קעלנער, איידער פאַר איהם טרינקען טיי.

אָבער ניט דאָס אליין.

ער האָט זיך אין אַמעריקא איבערהויפּט ניט אַקקלימאַטיזירט, און קען זיך עד היום ניט בעפריינדען מיט אונזער היגען דעמאָקראַטיזמוס. ער האָט זיך געמאַכט שונאים דורך דעם וואָס, למשל, ביי א לעקטשור, וועלכע ער האָט ערגיץ־וואו געהאַלטען, האָט ער, ווי מיר זאָגען דאָ, „אַנגעריבען א מאַרדע" ערגיץ א יונגען מאַן, וואָס זיין דעמאָקראַטישער גלייכהייטס־פּרינציפּ האָט איהם ארויסגעבראַכט אין דער דיסקוסיאָן מיט א געוויסע חוצפה געגען איהם, דעם לעקטשורער. מען האָט איהם פאַרגעוואָרפען אז ער פערטראָגט ניט קיין ווידערשפּרוך. דאָס איז אָבער קיינמאָל ניט געווען ריכטיג. ער האָט ניט פערטראָגען און פערטראָגט עד היום ניט קיין „דעמאָקראַטישע" חוצפה, און בושה פאַר אַן עלטערן איז א פּרינציפּ, א היימישער, אַלטמאָדישער, פון וועלכען ער וויל זיך ניט אָבזאָגען.

און אזוי וויל ער זיך, אויך ניט שיידען פון זיין שטעקען,

וועלכען דאָ טראָגען מענשען אזוי זעלטען; פון טיי „ס פריקוסקאָי“, וועלכע מיר אנדערע האָבען שוין לאַנג אויפגעהערט צו פּראַקטי־זירען; פון זיין לאַנגען באָרד, וועלכער איז אזוי אונאמעריקאניש און פון פיעלע אנדערע געוואָהנהייטען, וועלכע זיינען געגען די היגע ציוויליזאציע.

דערביי איז ער אַ וואַהרער דעמאָקראַט און אויך אַ מאַמין אין דער צוקונפט פון אמעריקא. ווען ער איז פאַר צוויי יאָהרען צוריקגעקומען פון קאַרלסבאַד, האָט ער גערעט מיט גרויס בעוואונ־דערונג פון היגע אינסטיטוציאָנען: פּאָסט, פּאָליציי, געריכט, באַנ־קען, עפענטליכע אנשטאַלטען, פערגלייכענדיג דעם איינפאַכען, דע־מאָקראַטישען, אונביוראָקראַטישען גייסט וואָס הערשט היער מיט די קאַזיאָנשטשינא, מיט די פּאָליצייסקע ווירטהשאַפט, מיט די ביוראָקראַטישע אָפּעקונסטווא, מיט די פּאָליטישע און סאָציאַלע סאָרטירונג פון בירגער (אין הויכע, העכערע און העכסטע; ניעד־ריגע, ניעדריגערע און ניעדריגסטע) און מיט די פּוסטע, צערע־מאָניעלע, אויפגעבלאָזענע העפליכקייט („גנעדיגער הערר“; „איך קיסע איהרע האַנד“; „איהר דיענער“; „האַבע די עהרע“; „צו בעפעהל“; „יאַסנע־וועלמאָזשני פּאַן“ א. ז. וו.), פון וועלכע מיר זיינען דאָ צו אַזאַ הויכען גראַד פריי, אַז מיר זיינען כמעט שוין גראָבע יונגען.

מיר דאַכט, אַז דאָס איז געווען זיין רייזע אין אייראָפּאַ, וועל־כע האָט איהם דאַן בעוואויגען ענדליך צו ווערן אַן אמעריקאַנער בירגער.

„יא, עס איז אַ גוטע זאַך — ווערטה צו זיין אַן אמעריקאַנער סיטיזען!“ האָט ער דאַמאַלס געזאָגט.

שלעכטע נייעס.

דער זייגער איז עלף.

אין דער „ווארהייט“, קלער איך, וועלען זיי איצט האָבען נייעס פון ברוקלין.

איך טעלעפאָניר אהין און קריעג אן ענטפער, וועלכער מאַכט מיך אביסעל מעהר צוטראָגען ווי איך בין געווען ביז איצט דיעזען מאָרגען.

דער ענטפער איז זעהר א לאַקאָנישער: „טעמפעראַטור הויך, האָט פיעל געהוסט, האָט צוגעבראַכט זעהר אונרוהיג די נאַכט“.

עס רייסט זיך ביי מיר ארויס א זיפץ וועלכער פערטייטשט דיעזע בשורה אָהן ווערטער אונגעפעהר אזוי:

דער פיעבער וויל איהם משמעות בעפרייען פון דעם נעגע־דיגען, אונבארמהערציגען קרעבס; אפשר וואָלט ער ניט וויסען ווי שלעכט איהם איז, קומט דער הוסט און ערקלערט דאָס איהם; קומט און ריהרט איהם אויף מיט אן אכזריות'דיגען אימפעט, א שטייגער, ווי עס ריהרט אויף די ערד ארום זיך דער פייער־שפייענ־דער בארג; קומט מיט איין אויסברוך נאָך דעם אנדערן, עקספּלאָדי־רענדיג מיט א פערניכטענדער קראַפט — איינמאָל און צוויי מאָל און צעהנמאָל, ביז דער וואולקאן האָט שוין מעהר ניט קיין לאַווא צום אויסשפייען, ביז דער אמאָליגער שעהנער קערפער ציעהט זיך צונויף און פאַלט איין אין די קיסענס ווי א צוזאמענגעבראָכענע חורבה נאָך א שרעקליכען פערוויסטענדען שטורעם.

האלדעק אין נאַסוי־סטריט.

איך געה ארויס אין גאַס.

נאַסוי סטריט איז א שמאָלע, קורצע, הייקערדיגע גאַס מיט אלערליי הויכע (אכטצעהן־צוואַנציג עטאַזשיגע) און ניעדריגע הייזער. די הויכע הייזער ווערען וואָס א יאָהר מעהר, און די גאַס

זעהט דערפאַר אויס וואָס אַ יאָהר שמאָלער, און די זון ווערט דאָרטען וואָס אַ יאָהר אלץ זעלטענער און זעלטענער אַ גאַסט. קיינער וואוינט דאָרטען ניט אויסער דזשעניטאָרס. נאַסוי סטריט איז אַ האַנדעלסגאַס פון די עלטסטע אין ניו יאָרק, — אַ גאַס וואו באַקכוס און וועגערא האָבען פיעללייכט עפּעס צו זאָגען ביי־טאָג, אָבער ביי־נאַכט איז דאָרטען חוץ דעם פּאָליצייסקען נאַכטוועכטער נור דאָ איין גאָט און דאָס איז מערקורי וועלכער מוז געווים ליעגען אויסגעצויגען מיט'ן כיטרען קאָפּ צו בראָד־סטריט צו, ביי דער בערזע, און מיט די געפליגעלטע פיס אויף די רעדאַקציעס פון די טאַגעבלעטער אין פּארק ראָו, — אויסגעצויגען אין דער לופט, אין דער הויך, אויף דעם אופן דאָרטען נעכטיגענדיג ביז דער נייער טאָג ברענגט איהם נייע בעשעפטיגונג, נייע קרבנות אויף זיין מזבח, נייעם ווייהרויך פאר זיין פיין און קונציג געבילדעטען נאָז, דעם שמעק־אָרגאַן פון דעם גאָט פון מסחר און גנבה, און — היינטיגע צייטען — דעם צייטונגס־געשעפט.

איך בין אין גאַס.

מיר ווילט זיך אַביסעלע זיך צערשטרייען. מיר ווילט זיך אַ וויילינקע פערגעסען אָן ברוקלין, אָן מעדיסאָן סטריט, אָן נומער 256, אָן דעם קראַנקענצימער אויפ'ן צווייטען עטאַזש, אָן די בעט וואו ע ר ליעגט, ווען דער הוסט לאָזט איהם איינליעגען.

איך געה, הגם לאַנגזאַם, ארונטער — אַזוי רופט מען דאָס דאָ: אייגענטליך איז דאָס ארויף, ווייל דאָ הויבט זיך אָן דער הייקער: דער באַרג־אַרויף פון נאַסוי סטריט — געה און קוק אין אלע שויפענסטער פון די קראָמען וואו עס איז דאָ צום פערקויף פון כל טוב סלה.

„האַללאָ, חאַלדעק!“ ווילט זיך מיר אויסרופען.

עס געהט נעמליך פארביי אַ גאַסענהענדלער וואָס „פּעדעלט“ מיט טראָגבענדער און שיך־בענדלעך און אַנדערע אַזעלכע קלייניגקייטען. איך זעה איהם זעהר אָפט און מיר דאַכט, אַז מיין פּנים איז איהם בעקאַנט: ער זעהט מיך געווים אויף מיטינגען,

און געוועהנליך געה איך איהם פאַרביי אפילו זיך ניט ארומ־קוקענדיג.

היינט זעה איך איהם עפּעס אַנדערס ווי אימער, און לאָז איהם אריין א פּאָאר פערטראַכטע אויגען, און מיר דוכט, אַז ער איז גאָר ניט ער, אַז ער איז גאָר חאַלדעק, גאַרדינ'ס חאלדעק, דער „סיטיזנער", דער „פּאָליטישינער", דער בריה וואָס שטעלט זיך קעגען אַן אמת'ען פּאָליסמען אין דעם „רוסישען איד אין אמעריקא" מיט א ברייטקייט און מיט א חוצפּה, וועלכע האָבעןביידע אפשר מורא פאַר קלעפּ, אָבער אין חאַלדעק'ען זיצט אַן אומרוה, א „סי־טיזנער"־שד, און ער איז ניט אַבי־ווער. חוץ דעם ווייס ער דאָך די היגע זאַקאָנעס, איז קלאָר אין זיי „לאַיק א וואָטער"; וואָס הייסט איהם פרעגען פראַגען? „ נאָים קוועשטשען יו קוועשטשען מי!" ער און דער געזעץ זיינען פון איין שטעטעל און ער ווייס היינט אז ווען א פּאָליסמאַן גרייפט אָן דעם רוסישען אידענ'ס גרינע מיידעל ביי'ן סטענד און וויל אויסלאָזען צו איהר די הארץ פון'ם זאַקאָן, דאַרף חאַלדעק מעהר נישט אויפמישען יענע (אויך גרינע) בלעטעל וואו עס שטעהט א פינף און דאַרף זי ניט נור ווייזען, נור פון הינטען טאַקע דערלאַנגען דעם „מיסטער פּאָליסמען", — פון הינטען, מחמת די אויגען טאָרען ניט זעהן וואָס די האַנד נעהמט — און אַלץ ווערט כשר וישר. חאַלדעק, פערשטעהט איהר מיך, איז דאָך עפּעס ניט אומזיסט א „סיטיזנער", האָט דאָך עפּעס ניט אומזיסט זיינע פּייפּערס!

„א נאָים קוועשטשען יו קוועשטשען מי!"

און, מיר דוכט, אַז איך זעה איהם דאָ איצט אין נאַסוי סטריט. מיר ווילט זיך אויסרופען:

„האַללאָ, חאַלדעק! וואָס מאַכט איהר? ווי איז ביזנעס? וואָס מאַכט דער שטאָלצער סאָלאָמאָן גרינשטיין און זיין זון, וועל־כער איז, וועלענדיג מאַכען א לעבען מיגיע כפּיו, געקומען אין א קאָנפליקט מיט א יוניאָן, וואָס ווייס ניט פון רוסישע אידעאַלען און אידעאַליסטען און בעהויפּטעט אַז ער, דער יוניאָן, דאַרף ניט קיין שכל מחמת ער האָט א קאָנסטיטיושען? וואָס מאַכט ער?

ער, נאַטהאַן, און זיין שוועסטער, און מעקעלע, המכונה מעק־קעללי, און אַלע אַנדערע גייסטעסקינדער פון איהם, וואָס ליעגט איצט אין ברוקלין און האָט צו טאָן מיט אַ פריגאַוואַר פון אַ ריכטער וואָס זיין „עקזעקוציע" קען מען ניט משווה זיין מיט אַ פינפערל...

איך זאָג, איך וויל אויסרופען: „האַללאָ, חאַלדעק!" אָבער איך דערמאָן זיך, אַז דאָס איז ניט דאָס טהעאַטער, ניט די אַלטע רומעניא אפערא הויז אויף דער בויערי, און דער פעדלער איז ניט מיין גוטער אַלטער פריינד פונ'ם רוסישען אידען. דאָס איז אַנאַנ־דערער, אַ פרעמדער, אַ ווילד־פרעמדער.

און אַנשטאָט זיך ארויסצושלאָגען פון קאָפּ דעם ברוקלינער קראַנקענצימער, פערבלאָנדזען מיינע געדאַנקען דורך דעם אָנבליק פון'ם פעדלער אין אַנאַנדער אידישען טהעאַטער מיט עטליכע יאָהר שפּעטער.

דאָרטען ווערט פאַרגעשטעלט דער טויט פון דעם רוסישען אי־דען אין אַן איין־אַקטער, וועלכען ער האָט אָנגעשריעבען — „אָנ־געשריעבען" איז זיינער אַ כאַראַקטעריסטישער אויסדרוק — פאַר יעקב אַדלער.

סאָלאָמאָן גרינשטיין, אין אַ לעהנשטול, שטאַרבט מיט אַ מאָ־נאָלאָג, אין וועלכען זיין נשמה נעהמט אָבשיעד פון דער וועלט, וועלענדיג נעהמען אבשיעד פון אמעריקא, מחמת ער בענקט נאָך רוסלאַנד, ער בענקט נאָך דער מדינה, וועלכע איז מיט אַלע איהרע פּאָגראָמען, און געזעצליכע פערפאָלגונגען, און אַלערליי ערניעד־ריגונגען סאַי אין דער אָרמעע, וואו אַ איד מעג נור דיענען אָבער טאָר זיך ניט דערדיענען, סאַי אין דער שול, וואו נור אַ קליינער פּראָצענט פון איהם מעג לערנען, סאַי אין לאַנד, וואו ער טאָר ניט אומעטום וואוינען —די מדינה, הייסט עס, וועלכע ניט אכטענ־דיג אויף דאָס אַלעס בלייבט דאָך, ווי געוועזן, סאָלאָמאָן גרינ־שטיינ'ס פאָטערלאַנד.

און מיר האָט זיך אימער געדאַכט, אַז אַזוי ווערט אַמאָל שטאַרבען אונזער יאַקאָוו מיכאַילאָוויטש און אַז זיין רוסישע נשמה ווערט זיך אַ לאָזט טאָן ארויס פון דער וועלט אויף אַ שלי־

טען, מיט א טראַיקע, אויף א כרוסטקען, גלאַנציגען, ביינאַכטיגען שנעע; מיט גלעקעלעך וואָס קלינגען; מיט וועלף וואָס הוילען און וואָיען, און קענען איהם ניט דערגרייכען — א שטייגער ווי ביין לעבען זיינע קריטיקער; מיט א ווייסען וואָלקען אויפ'ן בלויען אויסגעשטערנטען הימעל, וואָס בעגלייט איהם; מיט א לבנה צוויי־שען די שטערן, הינטער די וואָלקענס, וואָס בעלייכט זיין לעצטע יאַזדע; מיט קאַרפּולענטע דעמבעם און שלאַנקע, הויכע, ווייסע סאָסנעס אויףביידע זייטען וועג און מיט א קאַלטען ווינד וואָס פיהרט איהם אונטער צו דער וואַלהאַלאַ, וואו זיין נאָמען וועט לעבען און לעבען...

עס איז אזוי ניט געקומען. דאַכט זיך, ניט, אָבער עס איז שווער צו ווייסען.

דער מאָגען — א יחסן!

מיר ווילט זיך היינט שטאַרק זעהן די ראַדיקאַלע צייטונגען, וואו עס קען זיין א וואָרט וועגען איהם. איך ווייס, אז זיי קענען ניט האָבען מעהר נייעס ווי איך; איך ווייס, אז זיי קענען אין דיעזען פאַל ניט שרייבען דעם אמת. פון דעסטוועגען ווילט זיך מיר זעהן וואָס אין די צייטונגען שטעהט.

איך הויב אָן צו געהן ארונטער פּאַרק ראָו צו איסט בראָדוויי צו. דערוויי'ל הויב איך אָן צו פיהלען הונגער, וואָס דאָס טרעפט מיט מיר אין דער לעצטער צייט אזוי זעלטען. איך ווייס ניט וואָס מיר האָט אוועקגענומען דעם אַפּעטיט, אָבער איך האָב איהם שוין לאַנג ניט, — פון וואָכען און וואָכען

היינט ווילט זיך מיר עסען. א סימן אז גראַד היינט סימ־פּאַטיזירט מיין מאָגען זעהר וועניג מיט מיין הארץ. מען וואָלט על פּי יושר איהם בעדאַרפט בעשטראָפען, אָבער ער, מיין מאָגען, איז היינטיגע צייטען א גאַנצער יחסן ביי מיר. ער ווייזט, עפּעס

אַזוי ווי טייטלענדיג מיט אַ פינגער, איבערן טייך און זאָגט: ברוך־דערקע, נעהם זיך אין אכט! מען דאַרף די „חלולים, חלולים“, די קישקעס, דעם מאָגען און די אַנדערע ניט זעהר פּאָעטישע מיט־גליעדער פון דער אָרגאַניזאַציע מענש ניט בעהאַנדלען מיט פער־אַכטונג. די האַרץ און דער מוח און דער פּנים זיינען טאַקע פיינע מזרח־וואַנד בעלי־בתּים ביי דיר אין גוף, אָבער אונז דאַרף מען אויך ניט מבזה זיין, ניט פערנאַכלעסיגען, ניט בריהען מיט זודיגע וואַסער, ניט אויסהונגערן אָדער איבערשטאָפּען, אַניט לערנען מיר מיט דיר בלק.

אמת, די דאָקטוירים ווילען האָבען, אַז דער קרעבס איז שוין געווען אין דעם אָרגאַניזם מלידה ומבטן און די מיסהאַנדלונג פון׳ם קערפּער האָט איהם ניט געשאַפען; אָבער זיי זאָגען אויך, אַז אַזאַ פּגע רע קען מיט אייך געבאָרען ווערן, אויסלעבען אַ סך יאָהרען און מיט אייך בעגראָבען ווערן ווען איהר גיט נור אַכטונג אויף אייער מאָגען און אַלע זיינע מיטבירגער אין׳ם גוף, וועלכע זיינען מסוגל אַזאַ קרעבס אין, אָדער אויף, זיך צו האָבען פון דער געבורט.

אַזאַ קרעבס קען יעדע קערפּערשאַפט האָבען און האָט גע־וועהנליך, מעהר נישט דאָרטען, וואו עס איז ניטאָ קיין ספּעציעלע פיזישע אויפרייצונג, בלייבט ער אָהן אַ ווירקונג, דאָס הייסט, אונ־שעדליך, ווייל ער ענטוויקעלט זיך ניט, ווייל ער שפּרייט זיך ניט פאַנאַנדער.

ווער ווייס ווי אַזוי און דורך וועלכע ספּעציעלע אויפרייצונג איז אַזוי שעדליך און שרעקליך אויסגעוואַקסען, למשל, דער קרעבס אַזעוו?

די הויפּטזאַך איז, אַז מיין מאָגען איז היינט ביי מיר אַ גאַנ־צער יאַ־טעבע־דאָס און אַז ער האָט אַפּעטיט מוז מען אַ קוק טאָן אויפ׳ן זייגער.

איך טו עס: עס איז ערסט אַ פערטעל צו צוועלף, וואָס, דאַכט זיך, איז די היילענעס אויף איהם? אָבער מען דאַרף געהן עסען.

לעבענס־עליקסיר.

און אַט בין איך שוין ניט ווייט פון טשעטעם סקווער וואו עס פאנגט זיך אָן איסט־בראָדוויי, די אידישע „ברייטע גאס“ פון ניו יאָרק. קומענדיג אהין איבער פּארק ראָו, דערמאָן איך זיך אז ער האָט פיינט דיעזע גאס מיט די הויכבאהן (עלעוויימעד, וועלכע אידען רופען עלעוויימאָר און די אמעריקאנער, — בטבע פויל צו רעדען — „על“) איבער די קעפּ, פערשטעלענדיג דעם זונענשיין פון די אויגען דורך דעם אייזענבאהן־בנין און הילכענדיג אין די אויערן דורך דעם רויש פון די ציגע (טריינס) וואָס געהען פון און צו סיטי־האָל. יא, ע ר האָט זי אימער פיינט געהאט און זעהר אָפּט ווען מיר פלעגען דארפען געהן פון דעם טהעאטער־קוואַרטאל צו דעם אלטען ברוקלינער בריק, פלעגט ער אימער פּארשלאָגען צו געהן ארום דורך קאנעל סטריט און סענטער סטריט א. אז. וו. צו דעם בריק צו.

און היינט, אפשר צום ערסטען מאָל, שטעל איך זיך אליין די פראגע: ווארום האָט ער אייגענטליך אזוי פיינט פּארק ראָו? טאקע נור צוליעב דעם רויש? פּיעללייכט, קלער איך, איז דאָס דערפאר ווייל דיעזע גאס איז פול פון שענקען און פּאָונשאָפּס און שכורים, און אלטע קליידער, און אלטע ביכער, און אלטע אייזענוואַרג, און אנדערע פערזעצטע, ניט ארויסגענומענע אלטע, אלטע סחורה, פון א גרויסע זעג ביז א נאָדעל, פון טערקישע שאָי־לען ביז ווינדעלעך, פון טעלעסקאָפּען ביז טאשען־שפּיעגעלעך. אלץ איז אלט אין פּארק ראָו, אלץ איז איבערגעניצעוועטע, סעקאָנד־הענדיגע סחורה, זאכען וואָס האָבען „געזעהן בעסערע טעג“ און וואָס געדענקען אליין שוין ניט ווען זיי זיינען געווען ניי. אפילו די מענשען זיינען ניט ניי, אפילו די פּאָון־בראָקערס מיט די בייכלעך מיט די גילדערנע שווערע קייטען איבער די דאָזיגע בייכלעך, מיט די פּנים׳ער, פון וועלכער יעדער האָט זיך צוויי־דריי מאָרדעס, אפילו די קינדער זייערע, אזוי ווייט

ווי עס זעהט זיך איבערהויפּט אַ קינד אין פּארק ראָו, זעהען אוים סעקאָנד־הענדיגע, אָבגעטראָגענע, איבערגעניצעוועטע מענשען, וועל־כע מען האָט צונויפגעקליעבען אויף אויקציאָנען, ביי ערגיץ אַן אויספּערקויף, ווייל עס ווערן דאָך אַזעלכע גאָר ניט בעשאַפען...

אפשר, קלער איך, האָט ער מורא, אַז אין אַזאַ גאַס ווי פּארק ראָו, צווישען סיטי האָל און טשעטהעם סקווער, קען זיך געפינען אַ שכור'ער בעלן אויף אַזאַ באָרד ווי זיינעם און הגם ער איז פיזיש שטאַרק גענוג פאַרטיג צו ווערן אפילו מיט אַ ניכטערן בויאַן, וויל ער פיעללייכט פאָרט בעסער אויסמיידען אַזאַ בעגעגענעס, איבער־הויפּט ביי־נאַכט.

און דאָ דערמאָן איך זיך אָן די סקיצצע זיינע: „לאַכט נאָך!" וועלכע איך האָב מיט 14 יאָהר צוריק געדרוקט אין'ם „אמת", דעם באָסטאָנער „אמת". מיר שטעהט פאַר די אויגען די סצענע אויף דער פּעררי, וואו מען רייסט דעם „קאָמישען פּאַסאַזשיר" זיין דריי־עקיגען באָרד איינפאַך „פאַר פאָן", צו האָבען „אַ גוטען לאַך", ווייטער גאָר נישט; וואו דער אָרעמער איד מיט'ן באָרד וועהרט זיך געגען זיין אָנגרייפער אָבער דיעזער ענטפערט מיט אַ מעסער אַ שאַרפען אויף אַ הוילען האַרטען קולאַק. עס גיסט זיך בלוט!

און ווי איך טראַכט אַזוי הויבט מיט אַמאָל אָן צו שפּיעלען אַ קאַטערינקאַ, וועלכע עס דרעהט מיט גרוים התמדה, אָבער אָהן התלהבות, אַן אַלטע איטאַליענערקע.

וואָס שפּיעלט די אַלטע שאַרמאַנקע? איך וויים ניט. דאַכט זיך אַ בעקאַנטע מעלאָדיע, אָבער וואָס דאָס איז וויים איך ניט.

ע ר וואָלט שוין געוואוסט. עס זיינען דאָ ווענינ פּראָפע־סיאָנעלע מוזיקער מיט אַזאַ פיינעם געהער ווי זיינעם, מיט אַזאַ טיעפע, שאַרפע, קלאָרע מבינות אין דער מוזיק ווי ער האָט.

איך געה ווייטער. אויף אַ סטענד פון צייטונגען אויף איסט־בראָדוויי זעה איך אַ „וואַרהייט" וואו עס איז דאָ נייעס וועגען איהם.

איך קויף און לעז אונטער דעם קעפּעל אין גרויסע אותיות:

„יעקב גאָרדינ'ס בעסטער טאָג" אז ער איז דעם טאָג פריהער גע־זעסען אויף א שטוהל ביין אָפענעם פענסטער און האָט געזאָגט א בעזוכער, אז אַלץ וואָס ער וויל איז נור געזונד ווערן.

דאָס גלויב איך.

אָה, יאָ! ער וויל געזונד ווערן. ער איז גלייכגילטיג צו אַלץ חוץ געזונדהייט, חוץ לעבען, חוץ נאָך א ביסעלע, נאָך עטליכע יאָהר לעבען אין דער וועלט.

און טאַקע דעם טאָג, ארום וועלכען די צייטונג רעדט, האָב איך דאָס געזעהן. דאָס איז געוועזן ביין עסען.

ער האָט געהאַט א גוטען אַפּעטיט און מען האָט איהם גע־געבען אַלץ וואָס ער האָט געקענט שלינגען. זיין מאַלצייט האָט זיך געענדיגט מיט עטליכע וויינטרויבען. און אזא מין עסען האָב איך אין מיין לעבען ניט געזעהן.

ער האָט געגעסען ניט ווי מען עסט נאָך א תענית, אָדער נאָך א קרענק; ער האָט געגעסען אזוי ווי אין יעדען זופּ, אזוי ווי אין דער זאַפט פון יעדען וויינטרויב וואָלט געווען א לעבענס־עליקסיר, א מעגליכקייט צו ראַטעווען זיינע יאָהרען פון דעם טויט'ס קאָסע, א מעגליכקייט צו קריעגען קרעפטען גענוג אום צו בעקעמפּפען דעם מלאך־המות ווי יעקב האָט בעקעמפּפט און בעזיעגט זיין מלאך אמאָל... אין די צייטען ווען נסים זיינען נאָך ניט געווען איבער־נאַטירליך...

ער ווייס אז עס האָלט שמאָל מיט איהם, אָבער ער קלערט: מאַלע וואָס פּאַסירט... יעקב אבינו האָט עס געקענט, אפשר וועט דאָס יעקב גאָרדין אויך קענען.

און ער שלינגט אריין לעבענסזאַפט אין זיך!

ארם־נהרים און ער.

פאָלגענדיג דעם מאָגען געה איך אריין אין דעם רעסטויראַן, וואו איך עס געוועהנליך ביי־טאָג.

אויף דער טאַגעסאָרדנונג איז די ערסטע פראגע: וואָס עסען? נאָכדעם וועט מען דיסקוטירען די אנדערע פונקטען... אָבער דאָ בעט זיך אן ערקלערונג פאר זייטיגע מענשען.

די מיטאָגשטונדען אין אן אמעריקאנישען רעסטויראַן איז ערסטענס ניט קיין שטונדע, נור א האלבע אָדער א פערטעל־שעה, שוין ניט רעדענדיג דערפון וואָס ניין־צעהנטעל פון אמעריקאנער — געבאָרענע, געוואָרענע אָדער זאָגאר דערוויל נאָך קינפטיגע — עסען אין ניו יאָרק אין „קוויק־לאָנטש“־פּלעצער, וואו עס פאָלאָ־גאיעט זיך אָבצועסען א „לאָנטש“ אויף דעם זעלביגען אופן ווי הלל הזקן׳ס פריינד דער כושי האָט געוועלט אויסלערנען די גאנצע תורה, דאָס הייסט, על רגל אחת: אין דער צייט ווען א מענש קען שטעהן אויף איין פוס.

צווייטענס — און דאָס איז שוין פריהער בעמערקט געוואָרען — בעטראַכט זיך אן אמעריקאנישער רעסטויראַן פאר א שפּייז־לאָקאל און ווייטער גאָרנישט.

אידישע רעסטויראַנען זיינען אנדערס. דאָ ווערט ארום די מיטאגשטונדע אין דעם הויז א מאָסמיטינג מיט קליינע מיטינג־לעך אין איהם. יעדער ביי א בעזונדערן טיש. דאָ ווערען דיסקו־טירט אלערליי טאגעספראגען, וועלטפראגען, פּאָליטיק, מעדיצין, יוריספּרודענץ און וואָס איהר ווילט נור אליין. אגב אורחא עסט מען שוין אויך עפּעס וואָס.

די פראגע: וואָס עסט מען איז דורכאויס ניט אימער דער ערסטער פונקט אויף דער טאגעסאָרדנונג; עס האָט שוין פּאַ־סירט אז מען האָט זיך דאַראַן ערסט ערינערט פאר׳ן אוועגגעהן, ווען מען האָט זיך געכאַפּט בעצאָהלען און מען האָט זיך דערמאָנט

אז עס איז דערווייל נאָך גיטאָ פאַר וואָס: האָט מען זיך צוריק אָוועגגעזעצט.

היינט איז דאָס אַנדערש. די בושה וואָס מען האָט איצט פאַר'ן מאָגען איז אַזוי גרויס אַז די וועלט־פראַגען ווערן „פער־דרענגט אין דעם הינטערגרונד" אום צו מאַכען אַ וואָרע פאַר די מיטאָג־פראַגע.

איך בעשטעל עטוואָס און קוק זיך ארום אין דעם זאַאַל, בע־טראַכטענדיג די פּיעלע בעקאַנטע און אונבעקאַנטע פּנים'ער.

און מערקווירדיג איז אָט וואָס:

די פערשיעדענע מענשען, וועלכע איך קען צווישען די שפּייז־געסט, אינטערעסירען מיך היינט ניט אויף די זעלביגע אַרט ווי אימער. איך קוק אויף יעדען פון זיי און קלער: ווי און וואָס דענקט ער פון א י ה ם? איז ער אַ פריינד אָדער ניט? פער־דריסט איהם ז י י ן קראַנקהייט? דענקט ער וועגען איהם לכל הפחות אויף אַזוי פיעל אום צו זיין צופריעדען מיט זיין אייגענע שטיקעלע געזונט? וואָס אַ שטייגער, האַלט ער פון „גאָט, מענש און טייוועל", וועלכע איך האָב דאָ ביי זיך?

אז יעדער פון זיי קען האָבען אַנדערע אינטערעסען, אַנדערע געדאַנקען, אַנדערע געפיהלען פאַלט מיר אויפ'ן ערסטען בליק גאָר ניט איין.

איך קלייב אויס אַ ווינקעלע און זעץ זיך אַוועג.

איך בין שטיל און, ניט ווילענדיג, הער איך זיך צו צו מיינע שכנים ארום טיש. קאָמיש! ארום וואָס מענשען געפינען צו רעדען!

„דזשייקאָב שיף — ארם נהרים — צוויי הונדערט מיליאָן — טערריטאָריע" און ענליכע זאַכען. דאַכט זיך וועמען אינטערע־סירט דאָס?

געלד, גאָר די געלד וואָס דזשייקאָב שיף פערמעגט וועט ניט מעהר ראַטעווען דזשייקאָב גאַרדין... און מעסאָפּאָטאַמיע איז ניט פאַר איהם... ראשית, וויל ער אהין גאָר ניט געהן און חוץ דעם קען

ער ניט... אָט רעט מען גלאַט אין דער וועלט אריין! — דאָ א צונג אין מויל, דאָ א צונג אין גלאָק, דאַרף ער ניט הענגען ליידיג... נו, דינג—דאָנג, דינג—דאָנג! השתא עבדי לשנה הבאה בארם נהרים! ווילדע ברואים!

אָבער איך כאַפּ זיך אויף פון מיין חלום און געפין אויפ'ן טיש לעבען מיר מיין זופּ. איך פאַנג אָן צו שלינגען: א לעפעל נאָך א לעפעל און חלעבען, עס געהט! איך וואַרג זיך ניט, איך הוסט עס ניט אַרויס! איך קען זאָגאַר אַראָפּשלינגען דעם ביסען ווייסע ברויט, וואָס בעגלייט יעדען זופּ! וואונדערבאַר... און ע ר, זעהט איהר, ער קען ניט! יעדענפאַלס ניט קיין סאָלידע שפּייז. געווים, עס וואָלט אפשר געווען א יושר אַז אידען זאָלען זיך ערגיץ וואו בעזעצען... פון מיינטוועגען, חאָטש, טאַקע אין ארם נהרים, און דער געלדבאַראָן שיף איז פּיעללייכט טאַקע א נאַרר און די צוויי הונדערט מיליאָן קען אפשר טאַקע זיין ניט שווער צו קריגען, אָבער וואָס טויגען מיר די אַלע קונצען? ארם נהרים אהין — ארם נהרים אַהער, אַז ער קען ניט שלינגען... און די היץ אינווענינג פערברענט איהם... פלאַפּערן מענשען: מעסאָפּאָטאמיע!

אָבער איך צוכע זיך ווידער אוים... דער קעלנער וויל וויסען וואָס איך זאָל נעהמען נאָך די זופּ. דאָס וואָלט איך אליין אויך ווען וויסען.

מיר פערשטענדיגען זיך ווי עס איז, און איך עס ווייטער, הגם וואָס פאַר פלייש געדענק איך אסור ניט... איך וואָלט דאָס פון אייך ניט בעהאַלטען... צו־וואָס? נור איך געדענק ניט.

און דאָ קריעג איך מיין גלאָז טיי. צו־היים, זאָג איך צו זיך... מען זאָגט, די דאָקטוירים זאָגען, אַז מען טאָר ניט טרינקען קיין הייסע... ע ר, האָט אימער געטרונקען זודיגע, קאָכעדיגע געטרענקע.

איך קלייב געזונדהייטס־וויסענשאַפט היינטיגע צייטען. איך ווייס כמעט שוין אַלץ וואָס מען טאָר ניט.

משמעות עס איז טאַקע אָט ווי דער עולם זאָגט: ווען מען שערט די שעפּסען ציטטערן די לעמער.

קריטיק און קריטיקער.

צווישען די מענשען ארום די פערשיעדענע טישען זעה איך שעהנע עטליכע וואָס קענען א י ה ם פון יאָהרען און איניגע וואָס האָבען איהם אימער געאַכטעט. איך קלער אז זיי דאַרפען איצט ניט האָבען קיין אנדער געדאַנק חוץ איהם... איך וואונדער זיך ווי אזוי זיי קענען זיך וויצלען און לאַכען כמעט אויפ'ן קול... אמת, אין דער „ווארהייט" שטעהט, אז ער האָט געהאַט א גוטען טאָג, אָבער זיי וויסען דאָך דאָס וואָס קיין צייטונג טאָר ניט אויס־טייטשען, צוליעב די פאַמיליע: די קראַנקהייט זיינע, טו, ווי אזוי קענען זיי לאַכען?

צווישען די טיש־געסט דערקען איך אויך איניגע פון זיינע שטרענגע קריטיקער.

אָה, ניין! איך בין דורכאויס ניט איינער פון יענע, וועלכע פערלאַנגען אז נור דער וואָס קען אזוי קאָמפּאָנירען ווי בעעטהאָווען, אָדער אזוי שפּיעלען ווי פּאַדערעווסקי, אָדער אזוי שרייבען ווי טורגעניעוו אָדער אזוי רעדען ווי לאַסאַל, זאָל האָבען א רעכט צו קריטיזירען א בעטהאָווען, א פּאַדערעווסקי, א טורגעניעוו, אָדער א לאַסאַל. דורכאויס ניט. פריהער פאַר אַלץ האָט יעדער הערער און לעזער א רעכט צו האָבען א מיינונג לויט נאָך דעם איינדרוק וואָס די מוזיק, די שריפט אָדער די רעדע מאַכט אויף איהם. אביסעל מעהר וועט מען נאַטירליך פון אזא מענשען פערלאַנגען, אויב ער וועט זיין מיינונג ניט נור האָבען פאַר זיך, אָדער זי ארויס־זאָגען ביים טיש פאַר עטליכע פריינדע, זאָנדערן וועט זי, די מיי־נונג לאָזען דרוקען. דאַן האָט מען שוין א רעכט פון איהם צו פערלאַנגען:

1) אז ער זאָל פערשטעהן דאָס וואָס ער קריטיזירט;

2) אז ער זאָל האָבען די מעגליכקייט צו אורטהיילען פער־שטעהענדיג ניט אליין דעם געגענשטאַנד פון זיין קריטיק, נור אויך עהנליכע אנדערע ווערקע, כדי ער זאָל קענען מאַכען א פער־

גלייך און דערמיט קלאָר ארויסברענגען דעם „פּאָינט“ וואָס ער וויל מאכען, חוץ וואָס נור אויף דעם אופן קען ער זיך אליין ביל־דען אן אורטהייל, ווייל קיין זאך איז ניט גוט אָדער שלעכט אוי־סער אין פערגלייך מיט אנדערע זאכען און אונטער געוויסע אומ־שטענדען;

3) אז ער זאָל זיך קענען פערשטענדליך מאכען מיט א מי־נימום פון ווערטער און

4) אז ער זאָל האָבען א בעגריף פון ליטעראַרישע אנשטענ־דיגקייט, ווייל דאָס ניט האָבענדיג, קען מען אי פערשטעהן, אי האָבען די פעהיגקייט זיך דייטליך אויסצודריקען און דאָך שריי־בען ווי א בעל־עגלה רעט.

האָט ער דיזע פיער מעלות, דאַן האָט ער א רעכט צו שריי־בען קריטיק, אפילו אין דעם פאַל, ווען ער איז לגבי דעם קריטי־זירטען שרייבער, מוזיקער, קאָמפּאָניסט און רעדנער ווי א מילב געגען א קאָטער.

אויך בין איך ניט איינער פון יענע ביי וועלכע יוגענד איז א חטא און עטוואָס אזוינס וואָס דיסקוואַליפיצירט א מענשען צו האָבען און אויסצושפּרעכען, איבערהויפּט, אין דרוק, א מיינונג; איך גלויב אויך ניט, אז א מענשענ'ס עלטער דאַרף דעם יונגען מאַן, זיין קריטיקער, אריינוואַרפען ענטוועדער אין אן אימה, אָדער אין די געפאַהר פערדאַמט צו ווערן אלס דער מאָפּס (מאָיסקאַ) אין קרילאָוו'ס פאַבעל, וועלכער האָט, בילענדיג אויפ'ן העלפאַנד נור די אמביציע אז לייט זאָלען איהם אליין אויך האַלטען פאַר עפּעס רעכטס, כדבר האמור בקרילאָוו:

„אי, מאָפּסעל, ער מוז זיין א כוואַט,
„ווען ער קען אויף א העלפאַנד אזוי בילען!“

הגם דאָס טרעפט זעהר אָפט און ניט ביי אונז אליין.

אָבער דאָס אלעס צוגעבענדיג קען איך דאָך נור א שמייכעל טאָן ווען איך זעה דאָ איצט אין צימער צוויי־פיסיגע אָבראַזטשיקעס פון אונזער היגע קריטיק. אמת, דאָס זיינען ניט פּראָפעסיאָנעלע

רעצענזענטען, לאָמיר זאָגען, פון טהעאטער־שטיקער; דאָס זיינען נור טיש־קריטיקער, וועלכע רעדען זעהר עמפאטיש און אורטהיי־לען זעהר שטרענג, ווייל זייערע צוהערער ענטוועדער קענען ניט בעשטרייטען זייערע „פאקטען“, אָדער זיי האלטען אז עס לוינט ניט צו ברענגען אין ניוועץ א האלב טוץ ווערטער געגען זיי. דאָס איז אמת. עס איז אָבער אויך ניט ווענינער וואהר אז זיי זיינען ניט מעהר און ניט וועניגער אין זייערע רעדען ביין טיש ווי פאָ־נאָגראַף־רעקאָרדס פון די פּראָפעסיאָנעלע רעצענזענטען.

די מעטאָדען זיינען גענוי דיזעלביגע. למשל:

זיי שטעלען אויף די בעהויפטונג, אז גאָרדין איז לגבי הויפט־מאן א לאַטוטע, א גאָרנישט. דאן אורטהיילען זיי איבער זיינע ווערקע ניט ווי איבער די ווערק פון א גאָרנישט, א לאטוטע, לגבי הויפטמאן, נור פערגלייכענדיג איהם מיט הויפטמאַנען ווי גלייך מיט גלייך, און — ווען זיי רעדען לאַנג גענוג — דעררעדען זיי זיך ביז דעם „לאַגישען“ שלוס, אז גאָרדין איז ניט אזוי גרויס ווי הויפטמאן, ווייל געוויסע פערזאָנען ביי איהם זאָגען צו קלוגע זאַ־כען, — אזעלכע וואָס זיי, די קריטיקער אליין, וואָלטען אפשר ניט געהאט דעם שכל צו זאָגען, און, ואחרי ככלות הכל, איז הויפטמאן אליין אויך ניט אי־אי־אי!

אנאנדער מעטאָדע איז דיזע:

מען שטעלט זיך אויף דעם שטאנדפונקט, אז די אידישע ביהנע דארף זיין הימעל־הויך אין פערגלייך מיט די אמעריקאנישע, אָדער די פראנצויזישע און דער לאַגישער שלוס דערפון איז אז אונזערע אידישע פּיעסען דארפען זיין פריי פון די זינד גענען זייערע, די קריטיקער׳ס אייגענע דראמאטישע געזעצע (מצוות עשה ומצוות לא תעשה) וואָס דערפון פריי דארף ניט זיין די ניעדריגערע, אונ־זינניגע, אונרעאליסטישע דראמא פון די אומות העולם. דערפאר מעג ראָסטאן׳ס „סיראנאָ דע בערזשעראק“ זיין משוגע, בערנארד שאָ׳ס דראמא פול מיט בערנארד־שאָיזמען און גלייכווערטלעך וואָס די קריטיקער אליין וואָלטען זיי ניט געברויכט; דערפאר מעגען

קליין'ס אַמעריקאַנישע פּיעסען זיין באַמבאַסטיש־ראָמאַנטיש און דערפאַר מעג אַזאַ אונזין ווי דער „מכשף פון אָז" זיין אַ ציערונג פאַר די ביהנע, מחמת זיי זיינען דאָך ניט אידישע, זיי זיינען דאָך ניט מעהר ווי דער שונד וואָס פּאַסט פאַר ניעדריגע, ניט דערוואַקסענע, אָדער אונגעלומפּערטע ליטעראַטורען פון אַמעריקאַנער, פראַנצויזען און ענגלענדער, מיט רעספּעקט צו מעלדען.

אַ דריטע מעטאָדע איז צוצוגעבען אַז גאָרדין, למשל, האָט געשריעבען גוטע פּיעסען. אָבער אין זיי צו זוכען פּגימות און הגם דיעזע פּגימות קען מען פונקט אזוי לייכט געפינען ביי שעקספּיר, ביי שיללער, ביי שערידאַן, ביי וויקטאָר הוגאָ, ביי קאַלדעראָן און... ביי וועמען ניט? צו קומען מיט אַזאַ מין טענה:

דיעזע אַלע זיינען אַמאָליגע, געוועזענע, אויסגעשפּיעלטע, אפשר זאָגאַר אויסגעוועבטע דראַמאַטורגען. אין זייער צייט, נאָך זייער בילדונג, נעבעך, נאָך זייערע פערהעלטניסע, — מ ו ז מען זיי דן זיין לכף זכות. מיר אָבער, וועלכע זיינען היינטיגע, מיר מוזען זיין פריי פון יענע פּגימות און פעהלערן. על כן דאַרף מען נעהמען אַלע פּיעסען פון דעם דאָזיגען אידישען שרייבער און זיי פערברענען אַז עס זאָל פון זיי קיין שריד ופליט ניט בלייבען.

אַ פיערטע מעטאָדע איז צו „בעווייזען", אַז אויב די פּיעסען זיינען זיינע דאַן טויגען זיי ניט, און אויב זיי טויגען דאַן זיינען זיי ניט זיינע, און טאָמער פּאַסירט עס על פּי סבה, אַז אַ פּיעסע איז אי זיינע אי זי טויג איז דאָס אדלער'ס ארבייט, אָדער די ליפּצין'ס שולד.

עס זיינען נאָך דאָ אַנדערע מעטאָדען, אָבער היינט האָב איך ניט קיין מוח זיי אויסצורעכענען.

עהרליכע בעטריגער.

איך געה ארוים אין גאַס. דער זייגער איז צוויי.
זאָל איך געהן קיין ברוקלין אָדער ניט? איך בעשליס אייי־

דער וואָס ווען אריינצוגעהן אין מ'ס בוכהאנדלונג אין גרענד סטריט און דאָרטען, ארומבלאָנדזענדיג ארום די פיעלע, פיעלע ביכער, זיך ווי עס איז ארויסצושלאָגען דעם שרעקליכען ראק פון די גע־דאַנקען.

איך געה איבער סוארד „פארק" צו סאָפאָלק סטריט צו אום דורך יענע גאס צו קומען צו מ.

געגענאיבער די גרויסע, פראכטפאָלע געביידע פון די העס־טער־סטריט שול, וואו טויזענדער אידישע קינדער ווערען טעגליך געלערנט און אמעריקאניזירט, בלייב איך אויף א מינוט שטעהן.

איך דערמאָן זיך אָן איין פארמיטאג מיט א וואָך אכט ביז צעהן צוריק ווען איך בין מיט איהם געגאנגען צו דיזעלביגע בוכ־האנדלונג צו, דורך דעמזעלביגען פארק און דאָ אויף דעם אָרט האָט ער געזאָגט:

„דו ווייסט? טאָמער געפין איך ארויס, אז מיין קרענק געהט שנעל און אז מיר בלייבט ניט פיעל לענגער צו לעבען, דאן זעץ איך זיך אוועק און שרייב אויף מיין ביאָגראפיע".

איך האָב איהם אויסגעלאכט, אָבער איך גלויב אז מיין שטימע האָט אין זיך געהאט א פאלשע נאָטע, וועלבע זיין שארפער, מו־זיקאלישער אויער, מיט דער פעהיגקייט צו מערקען א זעכצעהנ־טעל פון א פאלשען טאָן, האָט זיכער ניט דורכגעלאָזען.

און מיך קוועלט איצט דער געדאנק: האָב איך דאן פער־ראַטהען דעם אמת אין מיין הארצען, אָדער ניט?

איצט, זינט ער ליעגט אין בעט פאסירט מיר זעהר אָפט, אז נאָך א וויזיט ביי איהם צווייפעל איך צו איך האָב דורך מיין שטים, אָדער מיין פנים פערראַטהען מיין אינערסטען געפיהל צו ניט.

און מאָל פאר מאָל איידער איך געה צו איהם ארויף טראכט איך ביי זיך: וואָס טוט מען? ניט זעהן איהם וועט איהם מאָ־כען דענקען, אז מען האַלט איהם פאר אזוי געפעהרליך, און מען איז דערפאר אזוי צוטראָגען, אז מען האָט שוין מורא זיך צו ווייזען, ווייל אז מען איז אין הויז ווייס ער דאָך. אריינגעהן ווידער

צו איהם אין צימער מוז מען זיין זיכער אז דער פּנים זאָל ניט פערראטהען דאָסזעלבע וואָס צייטענווייז דער קול: מען קען ווע־ניגער, אָדער גאָר ניט רעדען, אָבער וועניגער, אָדער גאָר ניט אויס־זעהן קען מען ניט...

טו וואָס־זשע טוט מען? מען דאַרף עפּעס א מאַסקע... אָבער דורך א מאַסקע קען ער דורכזעהן... יא, אפילו איצט, הגם א גרוי־סער טייל פון איהם איז שוין טויט. איך בעשלים איהם צו נאַר־רען מיט'ן אמת, דעם האַלבען אמת: איהם, פערקעהרט, טאַקע ווייזען א בעזאָרגטען, מיט־ליידענדען פריינדשאַפטס־געזיכט, אָבער ניט קיין פערצווייפלונג אין איהם.

און אויף א מאָמענט שטעל איך זיך אָב ביין טיר פון'ם קראַנ־קענצימער און מאַך צורעכט מיין פּנים, כדי ער זאָל אויסזעהן האַלב־נאַטור, האַלב־מאַסקע.

און דאָס טוענדיג קום איך מיר אימער פאָר ווי ש ל מ ו ן בעת ער געהט מיט א דאָקלאַד צו מירעלע אפרת (אין ז י י ן פּיעסע), אָבטרייסלענדיג דעם שטויב פון זיין קאַפּאָטע, אראָבגלעטענדיג מיט דער האַנד דעם לאַנגען באָרד, צורעכטמאַכענדיג זיין יאַרמעלקע אויפ'ן קאָפּ און זיך אויסגלייכענדיג איידער ער קלאַפּט אָן אין איהר טיר.

און איך פיהל אַז זיין אויג זוכט דעם אמת אין מיין פּנים, אין יעדען פּנים און צו דערזעלבער צייט האָט דאָס אויג זיינס אויך מורא פאַר'ן אמת, ווייל ער האָפּט געגען די ווירקליכקייט, געגען די האָפנונגסלאָזיגקייט, געגען דעם הוסט, געגען די הויכע טעמפּע־ראַטור, געגען דעם טויט וואָס שוועבט שוין ארום די פענסטער פון זיין צימער און שפּיעלט זיך איצט מיט זיין לעבען ווי די קאַץ מיט די מויז, זיכער אַז זי האָט איהר קרבן, איהם לאָזענדיג א ביסעלע בעוועגונגספרייהייט, ווי צום שפּאַס, אויף נאָך א מינוט.

און געהענדיג צו מ'ס. בוכהאַנדלונג און זיך דערמאָנענדיג אָן יענעם געשפּרעך מיט איהם דאָ אין סוארד־פּאַרק אנטקעגען די גרויסע, פּרעכטיגע העסטער־סטריט סקול קוועלט מיך איצט דער דאָזיגער געדאַנק:

„האָב איך איהם דאָן אָבגענאַררט, אָדער ניט ?" און איך געה ווייטער.

אין א ביכער־אַטמאָספערע.

אין דער בוכהאַנדלונג האָב איך ווייניג וואָס נייע זאַכען צו זעהן : בין דאָרטען ניט לאַנג צוריק געוועזען. פערשיעדענע מענ־שען, זיך ראַיענדיג ארום די ביכער, פרעגען מיך וואָס ער מאַכט, איך ענטפער זיי : ניט גוט, אָבער ניט ערגער ווי נעכטען און ווער פון זיי פּטור. איינער צעפּעט זיך צו מיר שטאַרק צו. ער וויל וויסען „דעם אמת" ? איך קוק איהם אָן. איך וויל איהם זאָגען אז קיי־נער וויים ניט דעם אמת, נור צו־וואָס זאָל איך איהם זאָגען א ליגען ? דיעזען מאַן אָבער וואָלט איך דעם אמת ניט געזאָגט אויף להכעיס, אָט טאַקע ווייל ער וויל וויסען.

ער פרעגט ניט ווי איינער וואָס איז זעהר בעזאָרגט ארום דעם קראַנקען, און וויל וויסען אפשר מיט א וואונש פאַר איהם עטוואָס צו טאָן, איהם מיט עטוואָס צו צייגען סימפּאַטיע, אָדער גלאַט ווי א גוטער אויפריכטיגער פריינד. איך הער אין זיין פראַ־גע אַנאַנדער נוסח ווי זיינעם, רעדענדיג מיט מיר.

איך פיהל אז אונטער די ווערטער ; „זאָגט מיר דעם אמת, איז דאָס טאַקע..." א. אז. וו., וועלכע ער רעט ארויס, זיינען פער־דעקט די ווערטער : „אה, ווי גוט, וואָס דאָס איז ניט ביי מיר!" און טאָמער זאָג איך איהם „דעם אמת", אויף וועלכען ער וואַרט, וועט ער גלייך דעפּעשירען א גראַטולאַציאָן צו זיין אייגענעם שלינג־אַפּאַראַטוס, דאַנקענדיג גאָט וואָס ער איז אָהן עין הרע פריש און געזונד.

און דאָס איז אויף קיין פאַל ניט קיין שלעכטער מענש און, אויב ניט קיין פריינד, יעדענפאַלס ניט קיין שונא פון גאַרדין. דאָס

איז נור אַ מענש, וואָס ליעבט זיין אייגענעם גוף, און שעצט זיין אייגענע געזונדהייט, און דאָס אַלץ מעהר וואָס קראַנקער אַנדערע מענשען זיינען.

איהם פאַלט געווים איין, אַז דער קראַנקער איז געוועזן אַ ריעז לגבי איהם און

אם בארזים נפלה שלהבת
מה יעשה אזובי־הקיר?

אָבער ער געדענקט די מעשה מיט דעם דעמב און דעם שוואַכען בוימעלע, וועלכער האָט אויסגעהאַלטען דעם גרויסען שטורעם בעת יענער, דער מעכטיגער דעמב, איז געבראָכען געוואָרען און טאקע דערפאר ווייל ער האָט זיך ניט געקענט בויגען אין דרייען. דאָס געדענקט ער און טרויסט זיך דערמיט.

צופריעדען מיט זיך, ראָיעט ער זיך אין די פיעלע ביכער; איך ראָיע זיך אויך, אָבער ווענינער מיט זיך צופריעדען, פיעל ווענינער.

מיט אַ מאָל דערזעה איך אויף אַ פּאָלקע אין דעם מאַגאַזין זיין „קרייצער־סאָנאַטא" און זיין „סאפאָ".

דאָס ברענגט מיך אויף נייע געדאַנקען.

„קרייצער סאָנאַטא" טראָגט דעם נאָמען פון אַן ערצעהלונג פון טאָלסטאָי; „סאַפאָ" איז דער נאָמען פון דאָדע'ס אַ ראָמאַן (שפּעטער דראַמאַטיזירט): חוץ דיעזע ביידע געפינען זיך ביי איהם: „דער אידישער קעניג ליער" און „מירעלע אפרת, די אידישע קעניגין ליער"; „דער שוואַרצער איד, אָדער מאיר יאָזעפאָוויטש"; „מעדעאַ" און „מעדעאַ'ס יוגענד".

אין דיעזע אַלע דראַמען איז ענטוועדער (ווי אין די ערסטע פיער) די אידעע גענומען ביי אַ בעקאַנטען שרייבער, אָדער דער גאַנצער סוזשעט (ווי אין'ם „שוואַרצען אידען"), אָדער דאָס איז איינפאַך אַן איבערזעצונג (ווי אין „מעדעאַ").

דאַגעגען זיינען דאָ בעאַרבייטונגען פון פרעמדע דראַמען

אונטער אידישע נעמען ווי ,צוםביישפּיעל, „זעליג־איציק דער כלי־זמר" (פון שילער'ס „קאַבאַלע און ליעבע"), די שבועה (פון הויפּטמאַן'ס „פוהרמאַן הענשעל"), דער ממזר (פון וויקטאָר הוגאָ'ס „לוקרעטשיא באָרדזשיא) און אַנדערע.

אין „נאָט, מענש און טייוועל" איז די אידעע גענומען פון איוב, אָדער געטהע, אָדער אפילו מאַהאַך, אויב איהר ווילט, אָבער נור די אידעע, און אין דיעזען פאַל איז דער טיטעל אַן אָריגינעלער.

חוץ דיעזע זיינען דאָ איבערזעצונגען, וועלכע טראָגען אין אידיש דעם נאָמען פון'ם אָריגינאַל, ווי „ראָזאַ בערנט" פון הויפּטמאַן, „מיעשטשאַנע" פון גאָרקי, „דער פאָטער" פון סטרינדבערג און אַנדערע.

און אָט איז וואָס איך וויל אויספיהרען.

ווען גאָרדין האָט אָנגעהויבען צו שרייבען און האָט גענומען קאָנקורירען געגען דעם רעפּערטואַר פון דער אידישער ביהנע פון יענער צייט מיט אַזעלכע פּיעסען ווי „סיביריא" און דער „גרויסער סאָציאַליסט", האָט ער געפונען אַז דאָס איז אַ שווערער בארג־ארויף־גאַנג און חוץ וואָס מען דאַרף דערצו האָבען ריעזען־כוחות, ווייל דער וועג צום ציעל איז פול ניט נור מיט שטיינער און מיט ביינער און מיט דערנער, נור אויך מיט פערשטאַנענע זומפּען אין וועלכע עס פלאָדען זיך פרעש און אַנדערע שרצים, וואָס מאַכען אַן אַן עפּוש מיט יעדען ריהר אין דער גרינער בלאָטע, — אַלזאָ, חוץ וואָס מען דאַרף דערצו כחות און אַ פערשטאָפּטען נאָז, נור מען בלייבט, שטייגענדיג ארויף בארג, אָהן ברויט אום צו קענען קלעטערען און שטייגען ארויף און ארויף. מען דאַרף, נעמליך, ניט פערגעסען, אַז ברויט שטאַמט פון דער ערד און ברויט צו פערדיענען איז בעסער צו זינקען וואָס נעהנטער און טיעפער צו דער ערד, איידער צו שטייגען העכער און נעהנטער צו די אויבערסטע ספערען.

האָבענדיג דאָס ארויסגעפונען און האָבענדיג שעהנע עטליכע מאָגענס חוץ זיין אייגענעם און זייענדיג פאַרלויפיג נאָך אין אַ לאַגע

גוט און לייכט צו שלינגען, וואָלט ער זיך געדאַרפט אַ לאָז טאָן צו דעם זומפּ, וואו די „בליהמעלע" וואַקסט, און ביי דער דאָזיגער „בליהמעלע" אויך די רייכע תבואה און די געשמאַקע אייפּס. ער האָט אָבער ניט געהאַט דעם מוטה צו שרייבען שונד און האָט געמאַכט אַזאַ מין קאָמפּראָמיס.

„סיביריאַ" און דער „גרויסער סאָציאַליסט" בעצאָהלען זיך ניט, שונד דאַגעגען איז ניט זיין עסק — דאַרף מען איבערזעצען. עס איז דאָ אַ שילער, אַ גרילפּאַרצער, אַ וויקטאָר הוגאָ, לאָמיר נעהמען זייערע פּיעסען און איבעראַרבייטען אָדער איבערזעצען אויף אידיש.

פון שילער'ס „קאַבאַלע און ליעבע", צו נעהמען פאַר דער האַנד נור איין ביישפּיעל, איז געוואָרען „רייזעלע, אָדער זעליג־איציק דער כליזמר". מען האָט דאַס געטאָן, וואַהרשיינליך, צוליעב צוויי גרינדע (איך זאָג וואַהרשיינליך — מחמת איך פּרוביר דאָ טרעפען): ערסטענס, ווייל אַן איבערזעצונג, ריכטיגער, אַן אי־בערפיהרונג איז שוין אויף דער אידישער ביהנע געוועזן. אין לאָנ־דאָן האָט מען שוין געשפּיעלט „קאַבאַלע און ליעבע" אין דעם יאָהר 1884. צווייטענס, ווייל איבערזעצונגען מיט גוי'אישקע נעמען זיינען ניט געגאַנגען אין ניו יאָרק, און לאָמיך דאָ, אגב אורחא, זאָגען, אַז דער עולם האָט אַ געזונדען אינסטינקט: אויב יאָ אַ אידישער טהעאַטער, לאָז מען אונז געבען דעם אידישען לעבען אויף די ברעטער. דעם ניט־אידישען געפינען מיר אַנדערסוואו.

גאָרדין, אָבער, ווען ער זעצט זיך אידישען ניט־אידישע פּיעסען, פיהלט ער, אַז ווען ער איז שילער'ס גייגער משנה־שם און רופט איהם זעליג־איציק, מוז דאַס שוין ווערען אַ איד מיט אַלע קליפּערלעך, און זיין קאַבאַלע און ליעבע קומט שוין אַרויס אַנאַנדערע, אַ אידישע פּיעסע, מיט אידישע טיפּען, מיט אידישע רייד און אַ בילד פון'ם אידישען לעבען.

און אין אָנהויב, אַזוי ווי דער נאָמען יעקב גאָרדין איז דעם

עולם נאָך אונבעקאַנט, איז וויכטיג אויף די פּלאַקאַטען(פּאָסטערס) „דער גרויסער דייטשער דיכטער א. אז. וו., א. אז. וו. פריעדריך פאָן שיללער“, מיט דער צייט אָבער ווערט גאָרדין מעהר און מעהר בעקאַנט און עס הויבט שוין באַלד אָן צו לוינען אז מען זאָל די פּיעסען האַלטען פאַר גאָרדין׳ס אָריגינעלע פערפאַסונגען. אויף דעם אופן ווערט אויף די פּאָסטערס שילער׳ס נאָמען קלענער און קלענער אין דרוק, ביז ער פערשווינדט ענדליך אין גאַנצען, און מען צייגט שוין אָן: רייזעלע, אָדער זעליג־איציק דער כליזמר, א דראַמאַ אין 5 אַקטען פון יעקב גאָרדין.

דיעזער ערגערט זיך, בייזערט זיך, הויבט דעם שטעקען (קיינ־מאָל ניט אַראָבלאָזענדיג איהם) און מוז אם ענדע זיך אונטער־געבען. עס ווערט דערפון א מנהג און אַזעלכער וואָס איז מעכ־טיגער ווי א דין.

איהם אָבער קוועלט דאס.

ער האָט קיין מורא ניט פאַר א בעשולדיגונג אין פּלאַגיאַט: דאַמאָלס איז די געגנערשאַפט אַזוי ווייט נאָך ניט געגאַנגען, אָבער ער איז ניט דער מענש עטוואָס אַרויסצוגעבען פאַר זיינס וואָס איז ניט זיין איגענס, און ער הויבט אָן די פּיעסען צו גע־בען אַזעלכע נעמען, אַז עס זאָל ביי קיינעם ניט קענען מעהר זיין קיין שום ספק, אַז ער האָט געבאָרגט דאָ די אידעע, דאָרטען דעם סיוזשעט.

די נעמען „סאַפאָ“, „קרייצער סאָנאַטאַ“ און די אַנדערע זיינען פאַר די פּיעסען גאָר ניט נויטיג. ביי דיעזע צוויי ספּע־ציעל ווענינער נויטיג ווי ביי אַנדערע. ווען ער רופט זיי אַזוי, איז דאס נור ווייל דאס איז זיין גאַראַנטיע אַז אויפ׳ן פּאָסטער וועט בלייבען אין דעם נאָמען גופא א בעוויז דערפון, אַז דער פער־פאַסער האָט עטוואָס געבאָרגט ביי אַנדערע.

דאס וואָס מען וועט מיט דער צייט איבעראַל און אַלגעמיין פערשטעהן איז, אַז דיעזען מאַן׳ס לעבען און ליידען און ווערק קען אויסגעלעגט ווערן מיט די דריי אותיות פון דעם וואָרט א מ ת.

נור צערשטרייט האָט מיך די בוכהאַנדלונג מיט די ביכער זעהר, זעהר וועניג. עס איז שווער צו ענטלויפען פון איהם היינטיגע צייטען, כמעט אזוי שווער ווי צו ענטלויפען פון זיך אליין.

מיר ענטלויפען פון זיך.

דיעזער געדאַנק גופא צערשטרייט מיך גראָד אויף א ווײלע.

ענטלויפען פון זיך! האַלטען מיר דען, אין גרונד גענומען, ניט אלע אין איין ענטלויפען פון זיך? און ווען מיר ענטלויפען פון אַנדערע, ענטלויפען מיר דען ניט פון זיך?

ווען מיר פּאַסען זיך צו צו די פערהעלטניסע; ווען מיר בויגען אונזער ווילען, פאָלגענדיג דער מאַיאָריטעט; ווען מיר געדולדען זיך אין ערגיץ א פערלאַנג, כדי שפּעטער זאָל זיין בעסער, הגם דער „שפּעטער“ קען, פיעללייכט, שוין קיינמאָל ניט קומען; ווען מיר קאַרגען אָב פון'ם היינט כדי צו פערזיכערען דעם מאָרגען; ווען מיר לעבען ניט נאָך אונזער וואונש, ניט נאָך דעם ווי די האַרץ דיקטירט אונז; ווען מיר פערבויגען אונזער ליעבע און דערטרינקען זי אין וויין, אין א גוטען שדוך, אין קאָרטען, אין ביכער, אין לוסט־רייזען, אין פּאָליטישע טהעטיגקייט, אין קירכען און סינאַגאָגען, אין רייסעס, אויף דער בערזע און אויף טויזענד אַנדערע אופנים, הייסט דען דאס ניט אז מיר ענטלויפען פון זיך?

און ווען מיר דרוקען ניט דאס וואָס מיר שרייבען, און ווען מיר שרייבען ניט דאָס וואָס מיר זאָגען, און ווען מיר זאָגען ניט דאס וואָס מיר דענקען, און ווען מיר דענקען ניט מיט ניכטערע זאַנדערן מיט שכור'ע, דורך וויין, ווייבער, וועהטאָג אָדער וואויל־טאָג פערטויבטע, אין עסיג אָדער אין האָניג איינגעמאַכטע, דורך

גליק־נעקטאר, אָדער דורך אונגליקסגיפט געשטערטע געדאַנקען —
ענטלויפען מיר דען ניט פון זיך אַליין?

און ווען מיר דענקען יאָ אונזערע אמת׳ע געדאַנקען, און זאָגען זיי און שרייבען זיי, און דרוקען זיי און פערברייטען זיי יאָ, אָבער דאס קאָרמעט אונז ניט, דאס קליידט אונז ניט, דאס שוכט אונז ניט, דאס הויזט אונז ניט, דאס פערזאָרגט אונז ניט מיט יענעם קליי־נעם לוקסוס, וועלכער איז אונזער גרעסטע בעדירפניס, און כדי דאס אלעס צו האָבען מאכען מיר אונזער עיקר־לעבען פון פאַלשע אָדער קולירטע נייעס; פון געדיכטע וואָס די הארץ האָט ניט דיקטירט; פון לייטארטיקלען אין וועלכע מיר גלויבען ניט; פון ראָמאַנען מיט אַזאַ ריח פון זיי, אז מיר מוזען צוהאַלטען דעם נאָז זיי שרייבענדיג; פון וויסענשאַפט וואָס — מען וועט ענט־שולדיגען דעם וואָרטשפּיעל — וואָס וויים ניט און שאַפט ניט; פון קונסט, וואָס געהט אויף שטאָלצעס; פון רעליגיאָן, אין וועל־כע עס איז ניטאָ קיין נשמה; פון נשמות, אין וועלכע עס איז ניטאָ קיין רעליגיאָן און קיין ממשות; פון דיעזע און פון הונ־דערט אַנדערע זאַכען, אלע פרעמד צו אונז, פרעמד און פאַלש און העסליך — הייסט דאס ניט ענטלויפען פון זיך אַליין, פון דעם אמת׳ן איך, פון דעם מענשען אין אונז, ווי ער וואָלט געקענט זיין, ווי ער איז, ביז מיר, זיך בויגענדיג אונטער די פערהעלטניסע, מורא האָבענדיג צו לעבען אונזער לעבען, צו שיינען וואָס מיר זיינען, צו געהן אונזער וועג, ביז, זאָג איך, מיר ערמאָרדען בידים דיעזען מענשען אין זיך?

און ווען מיר פערקויפען פאַר די שטיקעל ברויט הענט פון א מאַלער, אָדער א סקולפּטאָר, אָדער א מוזיקער, אָדער א שרייבער צום האָלץ־האַקען, צום שטיינער־פיהרען, צום ציגעל־ברענען, צום ביכער־האַלטען, צום אָרגעל־דרעהען, צום שרייבען מליצה׳דיגע אַנאָנסען פאַר פּראָזאאישע סחורות, צום זעצען אין דרוקערייען אידיאָטסטוואָ בעת אונז ווילט זיך אַליין עטוואָס שאַפען מיט אונזער אייגענעם מוח, ווען מיר טוען הונדערט אַנדערע אַזעלכע זאַכען — הייסט דאס ניט, אז מיר ענטלויפען פון זיך, אז מיר

[redacted] 14

אָפּפערען גייסט און הארץ, געדאנקען און געפיהלע אויף דעם מזבח פון אונזער גוף, אז מיר אָפּפערן א קרבן־שלמים, אָפּפערן כדי צו קענען האָבען די שטיקעלע פלייש און דאס ביסעלע שמאלץ וואָס די כהנים לאָזען איבער פאר אונז?

הייסט דאס ניט . . . דאָך האלט!

נו, און ער?

ווען די צייט וועט קומען, און איהר וועט אפשר לאנג ניט האָבען צו ווארטען, וועל איך אייך ווייזען, אז ער איז פון זיך אויך אָפּט און פיעל געלאָפען, מעהר נישט ער איז פון יענע שטארקע נאטורען, וואָס לאָזען אין אלץ איבער א גרויסען טהייל פון זיך אפילו ווען זיי לויפען פון זיך אוועג.

אָיי, עס ווערט שפּעט! דער זייגער איז באלד דריי.

איך געה ארוים אין גאס, פון די ביכער־אטמאָספערע אין די אטמאָספערע פון ביזנעס, — ביזנעס סאיי אין די קראָמען, סאיי אויף די וועגלעך אין גאס, סאיי אויף די סטענדס אין די ווינקלען פון די קוועער־גאסען, סאיי אין די הערצער פון די אלע קרעמער און הענדלער, און מוכרים און קונים.

ער און זיין פאָלק.

געהענדיג דורך גרענד סטריט בליק איך ניט ווילענדיג ארונטער אין די קוועער־גאסען, ד. ה. אין א פּאָר פון זיי צום וועסטען צו.

היינט איז דאָ וועניגער ביזנעס אין דעם אידישען קווארטאל פון ניו יאָרק: דאס איז דער צווייטער טאָג שבועות. פון דעסט־וועגען איז די „גרויסע גאס“ גופא פול מיט מסחר, אָבער מסחר אָדער ניט מסחר — די גאסען זיינען שמוציג, אָנגעוואָרפען מיט

שטיקלעך פּאַפּיער און שטיקלעך האָלץ; מיט שאָלאַכץ פון באַ־נאַנעס, פון אַפּעלסינען, פון אייער; מיט נעכטיגע צייטונגען און אַ הײנטיגען קעצישען ברמנן ערגיץ אין אַ רינע. דיזע גאַסען, איבערהויפּט קלינטאָן סטריט, סאַפאָלק סטריט און עסעקס סטריט זעהען אויס ווי גרויסע, לענגליכע מיסטקאַסטענס, וואו די אָנגעקליבענע זאַכען זיינען ניט הויכע מיסטהויפענס, ווייל די קאַסטענס זיינען געררוימיג און דער ווינד יאָגט פאַנאַנדער די אָנגעוואָרפענע זאַכען און צושפּרייט זיי און צוזייט זיי.

אָה, ווי דאַס קרענקט א י ה ם !

ער, בטבע אַ זויבערער, ציכטיגער מענש, פלעגט אָפט רויט ווערען פאַר זיין פאָלק, פערגלייכענדיג אונזערע אידישע גאַסען מיט די ניט־אידישע אפילו דאָ אין ניו יאָרק אַליין. אין פיעלע פון זיינע דראַמען לערנט ער זיי דרך־ארץ, ציכטיגקייט, זויבער־קייט, ארויסרופענדיג שפּאָט און עקעל פאַר די אונרייניגקייט אין און ארום די אידישע הייזער, אויפשטעלענדיג אין קאָנטראַסט אַ מירעלע אפרת, למשל, געגען אַ נחומצע־חנה־דבורה'ס, אָדער די ניט אידישע לאַנד־הייזעל געגען די אידישע אין דער פּיעסע „וואהרהייט".

און ווי אין דעם פּרט אַזוי אויך אין פיעלע אַנדערע צייגט ער דעם אידען זיין האַנדעל און וואַנדעל, צייגט ער איהם אַלץ וואָס אין איהם איז גייסטיג און קערפּערליך ניט שעהן און ניט גלייך.

און דערפאַר, פאַלט מיר איצט איין, ווערט ער אָפט גערופען אַנטיסעמיט. ווער ווייס — אפשר האָבען זיי פאַרצייטען אַזוי גערופען אָמוץ'עס זוהן ישעיה, איהם און ירמיה'ן און עמוס'ען און די אַנדערע חברה, וועלכע האָבען ניט נור אַליין געזעהען די חסרונות פון זייער פאָלק, נור האָבען דיזע חסרונות אויפגע־דעקט פאַר דער גאַנצער וועלט, האָבען זיי פאַנאַנדערגעגליעדערט און דורכגעלופּטערט און קלאָרגעשטעלט אין זייער גאַנצע נאַקעטע העסליכקייט.

דערפאַר ווייל ער ליעבט זיי.

און זיי, די, וועלכע ער שמייסט דאס אזוי „מיט בייטשען און מיט סקאָרפּיאָנען", ליעבען איהם און אכטען איהם און ווייזען איצט זייער ליעבע און אכטונג צו איהם ארוים יעדען טאָג, וועהרענד די קאָנסערוואַטיווע „יודאָפילען", אזוי וועניג געאַכטעט ווי אַמאָל די נביאי־הבעל, זיינען געצוואונגען זיך צו בעשעפטיגען מיט זיין קראַנקהייט, זיך צו אינטערעסירען מיט זיין ניט דער־לעבטע צוקונפט, מיט זיין ניט אויסגעלעבטען לעבען, מיט זיין ניט געענדיגטע ארבייט, ווייל דאָס פאָלק, אויף וועמעס קארק זיי זיצען, פון וועמעס פלייש זיי קאָרמענען זיך, פון וועמעס בלוט זייערע באַקען זיינען רויט, — דיעזעס פאָלק פערלאַנגט צו וויסען וואָס עס טוט זיך אין יענעם צימער פון ברוקלין וואו ער ליעגט א פער'משפט'ער צום טויט. און אזוי ווי דאס פאָלק האָט א פעננ' אין האַנד און דעם פעננ' דאַרף מען ארויסקריגען אזוי אָדער אַנדערס, שרייבט מען וועגען איהם ווילענדיג, אָדער ניט ווילענדיג.

ער איז געווען א באַהנברעכער אין זיין גאַנצע טהעטיגקייט, דורך זיין גאַנצע קאַריערע. ער איז א מענש מיט א מיסיאָן, מיט א ציעל פאר זיך, אָבער כל־זמן ער זעהט פון ווייטען זיין ציעל און כל־זמן ער ערפילט זיין מיסיאָן, איז איהם ניט וויכטיג דער וועג — צו דער, צו יענער. און אזוי ווי ער קלייבט ניט און וועהלט ניט, ניט אין דעם פּרט פון וועג, ניט אין דעם פּרט פון מיטלען אָדער פאָהרגעצייג, צו ער רייט צו ער פאָהרט, צו ער בענוצט אין זיין פראָגרעס פערדעקראַפט, דאַמפּפקראַפט אָדער עלעקטריציטעט, — אזוי ווי דאס אַלעס אינטערעסירט איהם זעהר וועניג, קימערט ער זיך אויך ניט אַרום די פערשיעדענע איזמוסען, קיינעם פון זיי ניט פעראַכטענדיג און קיינעם ניט פאָלגענדיג.

ער זאָגט: מיין ציעל איז פרייהייט און גערעכטיגקייט, מיין פאָלק איז מיר נעהנטער ווי אַנדערע פעלקער און איך פערלאַנג פרייהייט און גערעכטיגקייט, צווישען אַנדערע און צווישען אלע,

הויפּטזעכליך פאר מיין פאָלק. בכדי אָבער אז דער איד זאָל קענען בענוצען די פרייהייט און ערדייכען די גערעכטיגקייט, מוז ער זיין זויבערער, מוז ער זיין עהרליכער צו זיך און צו אַנדערע, מוז ער זיינע מיט־מענשען ניט אָבשטויסען פון זיך דורך אינערליכע קרומקייט, אָדער דורך אויסערליכען שמוץ.

וואו דער שפּאַניער־קעניג, פיליפּ דער צווייטער, זאָגט: „שטאָלץ וויל איך דען שפּאַניער!“ (נוסח שיללער), דאָרטען זאָגט גאָרדין: „ריין זאָל מיר זיין דער איד!“

איז ער גערעכט? איז ער אונגערעכט? — דאס איז אין דיעזען אויגענבליק ניט וויכטיג צו אונטערזוכען, ווייל די הויפּט־זאַך איז דאס צו וואָס איך קום איצט:

דער אידישער רוס אין אַמעריקאַ.

ניט קלייבענדיג ניט דעם וועג, ניט די מיטעל, געהט ער צו זיין ציעל, פאָלגענדיג אַן אינערליכען דראנג. אזוי ווי דער וועג איז ניט אומעטום אַן אויסגעטראָטענער, אזוי ווי דעם וועג מוז ער ערטער־ווייז ערסט פאר זיך מאכען, דורכברעכען, איז דער פּועל יוצא דערפון, אז ער מוז, געהענדיג, דאָ צוטרעטען א וויל־דען געוואוקס, דאָרטען פאַנאַנדערטרייבען אַ כאַליאַסטרע פון מוראַשקעס, אמאָל זאָגאר אריינשפּרייזען אויף א מאָמענט אין א זומפּ.

אָבער דאס איז ניט אַלעס. זיין גאַנג צום ציעל איז ניט דורך א ווילדערניס, נור דורך מענשען־מאסען בעזעצט אין גרופּען און קלאַסען דאָ און דאָרטען אויף זיין וועג. און געהענדיג און צו זיי רעדענדיג, דערביי זיך אימער מאכענדיג א וועג, קומט איהם אויס דאָ אַרויפצוטרעטען אויף א נאַגניאָטקע, דאָרטען אימיצען צו טאָן א שטויס אין עלענבויגען, דעם — אין וועג — צו האַסטיג

אויפצואוועקען, יענעם — פערמויערט אין זיין פּארטיי, אָדער קלאַס — צו דערלאַנגען אַ צו האַסטיגען שטופּ.

דיעזע אַלע ווערען איהם שונאים, מחמת ער האָט זיי גע־שטערט, ער האָט זיי געשטויסען, ער האָט זיי וועה געטאָן, וועה־רענד זיין ציעל זעהען זיי ניט און זיין מיסיאָן פערשטעהען זיי ניט.

און דאָ קומט איהם אוים צו טרעפען זיך מיט אַנאַנדער סאָרט ברואים אויף זיין וועג צו זיין ציעל. דאס זיינען די מענשען פון דעם הערשענדען קלאַס דאָ אין לאַנד, די וואָס מען רופט אַמעריקאַנער.

זייער רעפּרעזענטאַנט איז רוזוועלט, פאַר וועלכען לעאָ טאָלסטאָי איז אונמאָראַליש; זיי האַלטען אַז ליעבעס־לוסט איז אַ חטא און אויב מען קען ניט — און זיי אַליין קענען ניט — גובר זיין די זינדיגע פלייש אין זיך, טו זאָל מען, לכל הפּחות, דערפון ניט רעדען. און אפילו אויב עס איז אמת, אַז אויף לאַ תנאף זיינען עובר במחשבה אַלע, און במעשה כמעט אַלע, איז דאס אַן אמת וואָס דאַרף ניט אַרויסקומען דורך טינט מיט אַ פעדער אויפ'ן פּאַפּיער. און טאָמער בעווייזט ווער אַז די „פּאָליציי־ווידריגע" פּראָסטיטוציע בליהט און פּרוכפּערט זיך אין אַלע פיער ווינקלען פון'ם לאַנד און אין'ם צענטער אויך, נו, לאָז עס זיך בעווייזען, אָבער, למען השם, ניט אין ראָמאַנען, ניט אין דראַ־מען, ניט אין סקיצען. און טאָמער איז ברודערליעבע און שוועסטערליעבע אין די מייסטע פאַמיליען אַ פּוסטע פראַזע; און טאָמער לעבט מען אין 999 פון טויזענד זווגים ווי אַ קאַץ מיט אַ מויז; און טאָמער איז עס טאַקע אַ פאַקט, אַז אין די מייסטע פאַמיליענבעטען ליעגען און שלאָפען פרעמדע מענשען פערבונדען דורך אַ הרי את מקודשת — טאָר מען דאס אַלעס זיך אַליין ניט דערצעהלען, טאָר דאס דער צונג ניט זאָגען דעם אויער, כדי דער פּנים זאָל ניט רויט ווערען פון די האָרץ'ס מעשים תעתועים.

פאַר דיעזע אמעריקאנער ענדיגט זיך יעדע ליעבע גליקליך, ווערט יעדער פערברעכער ענטדעקט און בעשטראָפט, ווערט אי־מער די גוטע טהאט בעלוינט מיט גאָלד און לאַנגע יאָהר, איז דאס וואָס איז שעדליך אימער העסליך, קומט דער זינדיגער, וואָס נעהמט ניט איין א מיתה משונה, צוריק צו זיין בורא — קומט דאס אלעס פאָר און אויס, פיעללייכט, טאַקע ניט אין לעבען, יעדענפאלס אין סקיצען און אין דראמען און אין ראָמאַנען.

און דאָ טרעפט ער, גאָרדין, זיך צוזאַמען מיט דיעזע גוטע און פרומע מענשען און ער שרעקט זיי אויך איבער מיט זיין אונפערהילטען אמת, מיט זיין שפיעגעל, אין וועלכען זיי דער־זעהען זייערע אייגענע פנים'ער אײדער זיי פּאַספּייען אויף דיעזע פנים'ער אָנצוטאָן א פרומען שמייכעל, א גוטען בליק, א האָרעלע רחמנות אין די ליפּען, א ביסעלע אונשולד, א ביסעלע צניעות, א ביסעלע געטליכקייט צו פערשטעלען די מענשליכקייט.

און ער מאַכט זיך נייע שונאים.

זייערע גאַסען זיינען ריין פון באַנאַנאַ־שאָלעכץ, פון שטיקער ציימונג, פון נפטר־געוואָרענע קעץ, אָבער זייערע הערצער זיינען נאָך וועניגער ריין ווי די אידישע; זייערע מאָגענס זיינען ביער־און־בראַנפען־סקלאַדען; זייערע מוחות זיינען אָנגעשטאָפּט מיט פערד וואָס לויפען, מיט פּילקעס וואָס פליהען; זייערע ליפּען בעוועגען זיך מיט ציערליך־מאַניערליכע קאָנווענציאָנעלע פראַ־זען, — יעדע פון זיי גענומען אויף פּראָקאַט, אָדער אימפּאָרטירט פון'ם מוזיק־האָלל; זייער קום איז א סאַניטאַריש־היפּאָקריטי־שער און זייער האַנד־דרוק אזוי וועניג ממשות'דיג ווי דער מלקות־שלאָגען ערב יום כפּור ביי אידען; זייער הכנסת־אורחים איז א צערעמאָניע בעשרענקט, און בעגרענעצט פון אלע זייטען מיט אלערליי דינים פון דער עטיקעטע.

און דאָ קומט ער און וויל זיי ווייזען ווי זיי זעהען אויס, אָבער זיי קעהרען זיך אָב פון איהם. זיי האָבען ליעב אידען אזעלכע

ווי דער גרויסער קליין, און אנדערע וואָס „קענען זיך צופּאַסען“, וואָס טוען אָן אַן ענגען אַמעריקאַנישען פּידזשאַק אויף אַ אידישען קרומען רוקען און פּיהלען זיך אַ מחיה!

איהם, גאָרדינען, ווילען זיי ניט קענען, אָדער זיי ווענדען זיך פון איהם אָב אויב זיי קריגען איהם יא צו קענען. דאַן, ווי געזאָגט, קריעגט ער נייע שונאים.

אָבער דורך די אידישע אָדער אַמעריקאַנישע גאַסען געהט ער זיך זיין וועג, נאָכאַנאַנד ארויפּטרעטענדיג אויף היהנער אויגען, נאָכאַנאַנד איבערשרעקענדיג רוהיגע, פריעדליכע, געזעצליכע ברואים.

דער דאָקטאָר, איך און דער שד.

אין סוארד פּאַרק זעה איך אַן אונגעהייערע מאַסע קינדער, לויפענדיג, זיך שפּיעלענדיג, זיך „גליצענדיג“ אויף רעדלעך, זיך וויעגענדיג, ווארפענדיג פּילקעס און אויף פיעלע אַנדערע אופנים לעבענדיג אַ גוטען טאָג.

און מיר קומט ארויף אויפ׳ן זין, אַז ער האָט ליעב קינדער אויף אַ מערקווירדיגע ארט. ער קנייפּט זיי, צום ביישפּיעל, ניט, ווי דאַס טוען אַנדערע ליידענשאַפטליכע ליעבהאָבער פון קינדער, — איינער אַזעלכער איז געוועזען מיין פאָטער. ער קוסט זיי נאָך ווייניגער, אָבער ער רייצט זיך מיט זיי. ער שרעקט זיי איבער.

מיט עטליכע חדשים צוריק האָב איך איהם געכאַפּט איבער־שרעקענדיג אַ קינד און האָב איהם מתרה ומודיע געווען, אַז אויב איך וועל זיך מיט איהם ווען עס איז צוקריגען, וועט דאַס זיין צוליעב אַ קינד, וועלכעס ער וועט אויף אַזא׳ן אופן ליעבען. ער האָט צוגעגעבען אַז דאַס איז אַ שלעכטע געוואוינהייט.

דערביי ליעבט ער קינדער, ליעבט זיי פיעל־לייכט ניט ווע־ניגער ווי איך אַליין. ווי קומט דאַס?

עס אונטערברעכט דיזע געדאַנקען אַ מאַן, וועלכער זאָגט מיר, אַז אימיצער וואַרט אויף מיך אין דעם אָפּיס פון דער „וואָרהייט“.

דער מאַן נעהמט אַוועג אַ סך צייט פון מיר און דאַן געפין איך אין׳ם אָפּיס אַרבייט, מיינע געבענשטע־פערפלוכטע ציפערן, וועלכע זיינען אי מיינע ברויט־געבער אי מיינע גיפט־מישער, אי די קוועלע פון מיין אונאָבהענגיגקייט אי די גרוב, וועלכע פערשלינגט מיינע בעסטע קאָפּ־אַרבייטס־שטונדען, — און שלינגט און ווערט ניט זאַט.

און דערווייל געהט די צייט. עס איז שוין אַרום 5 אַ זייגער און ע ר געהט מיר ניט אַרויס פון די געדאַנקען. איך לעז, איך רעד, איך אַרבעט, איך געה און שטעה און זיץ, און אימער איז ער אין מיינע רעיונות: צווישען די שורות ציפערן, צווישען די ווערטער אין מיין געשפּרעך, צווישען די טיי און דעם צוקער ביין גלאָז, צווישען דעם זופּ און די ליפּען ביין טרינקען... אַזוי פיהלט מען אין דער ערסטער ליעבע, אַזוי פיהלט מען נאָך דעם ערסטען גרויסען פערלוסט אין לעבען. און ער, דאַכט זיך, לעבט נאָך...

איך געה אַרונטער אין׳ם קאַפע־סאַלון. מיינע אויגען זוכען איינעם פון די דאָקטוירים, וואָס געהען צו איהם. איהם געפין איך דאָרטען כמעט יעדען טאָג אַרום דיזע צייט. ער איז דאָ.

— מיר רעדען פון אַלע גלייכגילטיגע זאַכען אין דער וועלט — און וואָס איז היינט ניט גלייכגילטיג? — מיר פּרובירען זיך נאַררען, אַז מיר זיינען ווירקליך אינטערעסירט אין דעם געגענשטאַנד פון אונזער געשפּרעך, אָבער עס געהט ניט. דער אמת איז, אַז מיט דעם מאַן ווילט זיך מיר ניט רעדען וועגען גאָרדינען. ער איז אַליין אַ שוואַכער מענש און ער ליעבט איהם, דאָס ווייס איך. ער, וויעדער, ווייס מיין ליעבע צום קראַנקען. מיר ווילען איינער דעם אַנדערן שאַנעווען. מיר ווייסען ביידע, אַז דער פּראָצעס איז פערלאָרען; דער פּריגאָוואָר איז: טויט; אַז קיין אָפּעלאַציע קען דאָ ניט זיין, ניט קיין בעגנאַדיגונג פון אויבען;

אז דער פּעראורטהייליטער וואָלט אפילו ניט אפּעלירען, ווען עס וואָלט זיך געלוינט און אז עס לוינט ניט.

און אזוי רעדען מיר וועגען אלץ וואָס אונז קימערט ניט פיעל מעהר ווי די שלאכט ביי קעניגגרעץ, וועהרענד דער איינציגער געגענשטאַנד, וועלכער האַלט אונזערעביידענס מוחות און הערצער ווי אין אַן אייזערנע פויסט, ווערט פון אונז ביידען פערמיעדען.

מירביידע פיהלען די פאַלשקייט פון אונזער עהרליכען מיטלייד פון איינעם פאר דעם אַנדערן. צו־וואָס זאָלען מיר זיך גענענזייטיג אָנטאָן די יסורים און רעדען וואו קיין רייד אין דער וועלט וועט שוין מעהר ניט העלפען? און אזוי רעדען מיר וועגען גלייכגילטיגע זאכען.

פון דעסטוועגען פיהלען מיר ביידע ערגיץ־וואו הינטער אונז א קול פון א שד, וואָס מישט זיך אריין אין דעם געשפּרעך, און פערטייטשט ריכטיג אונזערע אמת׳ע געדאַנקען.

למשל:

ע ר: ווי געפעלט אייך די נייעס פון פּעטערבורג?

א י ך: איהר מיינט וועגען דובראָווינען?

ד ע ר ש ד: ע ר האָט היינט געשפּויגען מיט בלוט און די טעמפּעראַטור איז 103.

ע ר: שטעלט זיך נור פאָר! דובראָווין זאָל האָבען געדונגען שוואַרצע־מאה־ניקעס צו ערמאָרדען דר. הערצענשטיין.

א י ך: דאָס, מיינט איהר, ברענגט קלאָר ארוים די אינטערפּעלאַציע אין דער דומא?

ד ע ר ש ד: אָרעמע, אָרעמע פרוי! זי האָט נאָך נעכטען גערעט וועגען דעם וואָס זי וועט טאָן ווען ער וועט געזונד ווערן... זיין טאָכטער נעטטיע אויך...

ע ר: פּראָפעסאָר מיליוקאָוו האָט אין זיין רעדע...

ד ע ר ש ד: געוויכט פאַלט אָב, בלוט בעווייזט זיך און דער הוסט פערמוטשעט איהם.

א י ך : מיליוקאָוו, זאָגט איהר?

ד ע ר ש ד : דר. ה. זאָגט אַז דאס איז אַ פראַגע פון וואָכען, אפשר טעג.

ע ר : יא, פּראָפעסאָר מיליוקאָוו, דער פיהרער פון די קאָדעטען...

ד ע ר ש ד : און אויב דער סוף איז אזוי נאָהנט...

א י ך : וואָס זאָגט איהר וועגען פּראָפעסאָר מיליוקאָוו?

ע ר : זיין רעדע האָט אויפגעהויבען אַ שטורעם ביי די רעאַקציאָנערע דעפּוטאַטען אין דער דומא.

ד ע ר ש ד : אויב דער סוף קען קומען יעדען טאָג טו וואָס העלפט...

א י ך : רוסלאַנד איז אין גאַנצען פאָרט ניט טויט. אָט איז, לכל הפּחות, דאָ וואו צו אינטערפּעלירען.

ד ע ר ש ד : !!!

איך פערשטעה אַליין ניט וואָס ער זאָגט, וואָס מיין פריינד זאָגט, וואָס איך זאָג.... אָט זיצען מענשען און מולירען איינער דעם צווייטען.

ער שעמט זיך מיט זיין גוטסקייט.

א אינגעלע, אַלט אַ יאָהר זיעבען איז מיין פּאָסטאַוושטשיק פאַר'ן „קאָל", וועלכען ער ברענגט מיר יעדען טאָג. דער סוחר מיינער האָט אַ פּאָאָר שעהנע קלוגע אויגען, און יעדעס מאָל ווען איך נעהם ביי איהם די צייטונג פערהאַלט איך איהם אויף אַ מינוט איידער איך בעצאָהל איהם, אום אַ בליק צו געבען אויף זיין ליעבען, קלוגען פּנים'על. אָפט, ווען איך בין ניט פאַרטאָן אין אַ געשפּרעך, בעטראַכט איך איהם עטוואָס לענגער און פרעג איהם ערגיץ אַ פראַגע, כדי צו הערען זיין קול'כעלע.

היינט צאָהל איך איהם פאר די געקויפטע סחורה און, קו־קענדיג אויף דעם אינגעל, קלער איך: ווארום זאָל ע ר הנאה האָבען פון שרעקען קינדער?

וואָרום? ווייל איך וויים, אז ער ליעבט זיי... אָבער האַלט! דאכט זיך ער רייצט זיך גערן מיט מענשען בכלל. ער האָט ליעב איבערצושרעקען ערוואקסענע אויך. איך דערמאָן זיך, ווי ער האָט מיט א פאָר יאָהר צוריק זיך אָנגענומען צו מאכען אז איינגע אונזערע ביידענס בעקאַנטע דאמען, וועלכע זיינען געווען אין איין זומער־האָטעל מיט איהם אויפ'ן לאנד, זאָלען פאר שרעק ארויסשפרינגען פון די בעטען, הגם ער האָט זיי דארויף פאָרבע־רייטעט, און האָט זיי געזאָגט, אז ער וועט זיין אין קאָררידאָר לעבען זייערע צימערן. זיי האָבען זיך געכוואַטעוועט און האָבען געזאָגט, אז ער וועט דאס אין לעבען ניט קענען. ניט געברויכענדיג קיין אנדער מיטעל ווי זיין שטימע, האָט ער אויסגעפיהרט. ערסט א מינוט שפּעטער האָבען זיי זיך דערמאָנט אז דאס איז אין קאָררידאָר זיין קול און נור א שפּאס... און ער האָט זיי דערביי אפילו ניט געשראָקען מיט פייער, גנבים אָדער עהנליכע זאכען.

און איך דערמאָן זיך איצט, אז ער האָט גלאַט האָלד צו שטיפען, צו איבערראשען מענשען, צו געבען אין שפּאס א קלאַפּ, צו פערשטעלען זיך פאר א מין (אידישען) גזלן, צו זאָגען שטאָכ־ווערטלעך, צו געבען צווייפעלהאפטע קאָמפּלימענטען א. ז. וו.

ווי קומט דאס, פרעג איך ביי זיך?

איך האָב אייך געזאָגט: „דיעזע דרייאייניגקייט פון גאָט, מענש און טייוועל, געפינט זיך אין יעדען מענשען און איז קלאָר און זיכטבאר פאר אלעמען אין די גרויסע מענער, ספּעציעל אין א י ה ם“.

עס איז געקומען די צייט עם דייטליכער צו מאכען.

אין דיעזען מאַן זיצט א מעפיסטאָפעלעס, וועלכער פּראָ־טעסטירט כסדר געגען די אונענדליכע גוטסקייט פון דעם מ ע נ ־ ש ע ן אין איהם. ביי מעפיסטאָ'ן קומט אויס, אַז גוט זיין איז,

ערסטענס, ניט פּאַסענד פאַר אַ מאַן וואָס איז אַ מאַן און, צווייטענס, אַז גוטסקייט איז שלעכטע פּאָליטיק, מחמת זי ווערט מיסברויכט פון סקרופּעללאָזע מענשען. צווישען דעם גוטען און דעם בייזען פּרינציפּ האַלט דער גאָט אין איהם דאָס גלייכגעוויכט — ער, דער שאַפּענדער גייסט, וועלכער קימערט זיך וועניג וועגען גוטס און שלעכטס, ווייל זיין עסק איז שאַפען, טאָן, ווירקען און פּראָ־דוצירען — לאָז דערפון ווערן וואָס עס וויל, צו איהם איז דאָס ניט שייך.

געוועהנליך זיעגט ביי איהם דער גוטער פּרינציפּ, אָבער ערסט נאָך אַ קורצען קאַמפּף.

דער ערסטער אימפּולס איז ביי איהם אימער גוט, אימער! דאַן רעט מעפּיסטאָ אריין אַ וואָרט. שעמט זיך דער מענש פאַר'ן שד. ווערט ער, דער בעל דבר, שטייף און האַרט, מיט דעם ראָק פער־שפּילעט אויף אלע קנעפּלעך און די האַרץ געשטעלט אונטער פּאָליציי־אויפזיכט. „קיינע דומהייטען מאַכען!" איז די פּאַראָלע.

דאָס דויערט אָבער ניט לאַנג. באַלד פּלאַצען אין ראָק אלע קנעפּלעך, די וואָך ווערט אַרונטערגענומען פון'ם האַרצען, מעפּיסטאָ בלייבט אַ נאַרר, דער יצר־טוב קומט אַרויס דער זיעגער.

מאָל פאַר מאָל דיזעלביגע זאַך.

איך וואָלט דערפון קענען דערצעהלען פערשיעדענע כאַראַק־טעריסטישע אַנעקדאָטען. איך פויל זיך. לאָמיך געהן ווייטער.

אַזאַ קאַמפּף קומט פון דעסטוועגען נור פאַר ביי איהם אין וויכטיגערע זאַכען, — אַזאַ קאַמפּ און אַזאַ אויסלאָז.

וואו עס קען אַזוינס ניט פּאַרקומען דריקט זיך אויס ביי איהם אַ גוטער ווונש אין אַ שטעכעדיגע פאָרמע, די גרעסטע בעשיידענהייט אין דער געשטאַלט פון כלומרשט בעריהמעריי, אַ גליקווואונש מיט אַ סאַרקאַסטישען קיצעל גלייך דערביי, אַ טובה מיט די הענד בעגלייטעט פון אַן איראָנישע בעמערקונג מיט'ן מויל.

רק שעמט ער זיך צו טאָן גוטעס און טוט. ער וויל אויסזעהן שטאַרק און טוט דערצו אָן די מאַסקע פון אַ בייזען. אַמאָל גיט

עס זיך איהם איין צו שפּיעלען זיין ראָלע — דער בייזער פּריץ מיט׳ן גרויסען שטעקען — מייסטענס ניט. די הארטקייט וואָס ער שלעפּט אויף זיך ארויף פערשווינדעט אזוי ווי צושמאָלצען פון די ווארעמקייט פון זיין גרויסע גוטע הארץ. די כמארע, מיט וועלכע איהם געלינגט אויף א ווײלע צו פערציעהן זיין געזיכט, האלט זיך נור ביז דעם ערסטען ליכט־שטראהל, וואָס פאלט אויף איהם פון זיינע גרויסע אויגען. די דיקע ברעמען איבער זיי שיינען צו זיין אן אוועקגעשטעלטע וואך, כדי דיעזע אויגען זאָלען ניט אונגעשטערט אָבשפּיעגלען די גאנצע אינערליכע גוטסקייט פון זיין הארצען, אָבער א ליכטשטראהל בעוועגט זיי צום גוטען

ער שעמט זיך צו טאָן גוטעס און אויסצוזעהן א גוטער. דער־פאר נעהמט די גוטסקייט זיינע אָן די פאָרמע פון שטרענגקייט אפילו אין זיין אומגאנג מיט קינדער.

איך האָב א מינוט צוריק געזאָגט, אז איך האָב צו דערצעהלען אייניגע כאראקטעריסטישע אנעקדאָטען וועגען איהם. לאָמיך זיך ניט פוילען און אייך דערצעהלען חאָטש איינעם פון זיי.

„וואָס מענשען קענען זיך ערלויבען, — דערצעהלט ער מיר מיט א האלב יאָהר אָדער עטוואָס מעהר צוריק — אָט קלינגט מען אָן ביי מיר היינט פאר טאָג. איך שפּרינג ארויס אין א כאלאט: איך מיין עס ברענט.

„הערסט! א לאנדסמאן, א יעליסאָוועטגראדער. א חוצפּה א ביסעל!“

ווי ער דערצעהלט דאס מיר ווערט זיין פּנים פערצויגען ווי מיט א וואָלקען. איך זעה אז ער ווערט אין כעס. „ווירקליך, געווים, א חוצפּה“ — טראכט איך ביי זיך. ער דערצעהלט ווייטער:

„וואָס וויל ער? נו, אימיצער, א פריינד, איז געשטאָרבען, דארף מען הונדערט דאָלאר! עס שיטען זיך הונדערטער! א מיליאָנשטשיק!“

דאס וואָרט עראינערט אָן א סך מעשה׳לעך, וואָס ער האָט מיטגעבראכט פון גאליציען, וואו מען האָט ביי איהם פון אלע

זייטען געשנאָררט, איהם האַלטענדיג פאר אַן אמעריקאנער „מיליאָנשטשיק“.

ער איז דערוויי͏ל שוין גוט בייז. איך האָב געוואוסט אַז פּי־נאַנציעל איז זיין לאגע גראָד דאַן ניט געווען זעהר גלענצענד. איך ערוואַרט צו הערען אַז ער האָט דעם מאַן גענומען פאר׳ן כאַכאָל און ארויסגעוואָרפען. ער שווייגט.

— נו, פרעג איך, האָסטו איהם געגעבען די הונדערט דאָלאר?

— מכות! — שרייט ער אויס, — האָב אָבגעדונגען צוואַנ־ציג, — געגעבען אכטציג, מעהר ניט אַ פּעני.

דאַן האָט זיך אויף זיין פּנים געוויזען אַ גוטמוטהיגער, צופרי־דענער, מענשענליעבענדער שמייכעל.

דער פערשוואונדענער קווארטאַל.

פון קאַפע־סאַלון בין איך ארויסגעגאַנגען אַ פערטעל נאָך 6. ארויף קאנעל סטריט צו דער בויערי צו בין איך געגאַנגען צום סאָבוויי. אויפ׳ן וועג, ביי דעם פּלאַץ וואָס איז אָבגעריינינגט גע־וואָרען כדי צו מאַכען אַ וואַרע פאר דעם נייעם בריק צו ברוקלין, פערטראַכט איך זיך. דורך קאַנעל סטריט און דיוויזשיאָן סטריט, און איסט בראָדוויי און הענרי, און מעדיסאָן, און מאָנראָו, און טשעררי סטריטס זיינען גאַנצע בלאָקס ארונטערגענומען געוואָרען כדי צו מאַכען פּלאַץ פאר דיעזען בריק. אַ גאַנצע שטאָדט, — אפשר אַ שטאָדט פון וועלכע־ניט־איז 50 ביז 60 טויזענד איינ־וואוינער איז אראָבגעראַמט געוואָרען. דאס אַלטע, הייסט עס, מוז געהן, אום מעגליך צו מאַכען דאס נייע. דאס אַלטע מעג זיין וועער וויים ווי איינגעפונדעוועט, דארין מעגען זיין אַלטע, פיינע בנינים, גרויסע געשעפטען, קאַפעס אין וועלכע עס האָט אַמאָל געלעבט און געקאָכט, צייטונגס־געביידען, וואו מען האָט אַמאָל

געקעהרט וועלטען — נאַטירליך ניט אויסקעהרענדיג, ניט איבער־קעהרענדיג: זיי, די וועלטען, ניט רייניגענדיג און ניט רעוואָלוציאָני־רענדיג, אָבער דרוקענדיג יאָהרענלאַנג אידישע בלעטער. אלעס פערשוואונדען!

פנו דרך! האָט מען געזאָגט, און דאָס אַלטע איז פער־שוואונדען ווי דורך אַ מאַגישען קונץ. און וואָס וועט אויפטאָן דאס נייע? וועט עס ווערטה זיין, אז מען זאָל דערפאר האָבען אזוי פיעל מענשען ארויסגעקרוישקעט? אזוי פיעל געביידען ארונטער־געריסען? אזוי פיעל אַלטע איינגעפיהרטע געשעפטען פערניכטעט? וועט עס ווערטה זיין? פיעללייכט. זיכער איז, אז דער נייער בריק איז אַ נויטווענדיגקייט.

דערווייל אָבער פעהלט מיר אַ טהייל פון די אַלטע בנינים, וועלכע איך האָב געקענט אויף דעם גרויסען בלאָק צווישען קרים־טיע סטריט און די בויערי. וואו איז דער רעסטאָראן, אין וועל־כען טויזענדער און טויזענדער זיינען דורך פיעלע ווינטער־נעכט געקומען נאָך אַן „ערסטע נאכט“ אין טהעאטער, וואו גאָרדין׳ס ערפאָלגע און דורכפאלע זיינען געפייערט אָדער בעדויערט גע־וואָרען?

און איך עראינער זיך דאָ, אז יעדעס מאָל ווען די פאָר־שטעלונג איז געווען צו־ענד, און מיר פלעגען צוריקקומען פון טהעאטער צו יענעם רעסטאָראן און ער, דער גרויסער, שעהנער מאַן, די צענטראַל־פיגור אין דעם צימער פלעגט זיצען דאָ מיט איין גרופע, דאָ מיט אַנאַנדערער פון פריינדע און פערעהרער... אימער דערזעלביגער, רוהיגער, שטאָלצער מאַן. ער היצט זיך ניט מיט אויפרעגונג און ערגער ווען ער פאַלט דורך, ער איז ניט צוטומעלט אָדער צוהיצט פון פרייד איבער אַן ערפאָלג.

ער איז צו שטאָלץ ארויסצואווייזען וואָס ער פיהלט סאיי ווען ער איז גליקליך, סאיי ווען ער איז אונגליקליך. איהר רעט מיט איהם און ער ענטפערט: יא, ניין. אויב ער רעט איבערהויפט איז דאס איבער גלייכגילטיגע זאכען

מעהר ווי דאָס.

איהר קומט מיט איהם צוריק פון טהעאטער און מען האָט איהם נאָר־וואָס געגעבען אַ וואונדערבאַרע אָוואַציע. ער איז ניט גליקליך. ער האָט געפיהלט ווי גראָד דעם מאָל איז זיין ווערק געמאָרדעט געוואָרען פון יענע אַקטיאָרען, וועלכע האָבען ניט געהאַט אויסגעלערנט זייערע ראָלען. אויף דער אידישער ביהנע ווערען די רעפּעטיציעס אָפט געמאַכט פאַר געפּאַקטע הייזער, גוט בעצאָהלטע, און מען רופט עס ערסטע פאָרשטעלונגען. נון, דער ערפאָלג איז געווען אַ ריעזיגער, מען האָט איהם גראַטולירט פון אַלע זייטען, אָבער ער איז ניט געווען גליקליך.

דאַגעגען האָט אָפט פּאַסירט, אַז ווען אַ פּיעסע איז מיזער־ראַבעל דורכגעפאַלען און מען האָט איהם געוועלט טרייסטען דערמיט, וואָס די אַקטיאָרען האָבען ניט גוט געשפּיעלט, האָט ער זיי וואַרם פערטהיידיגט, הגם ער האָט קיין מאָל ניט בעהאַלטען זיין מיינונג, וועלכע איז געווען געגען דעם אָדער יענעם פון זיי. די נאַכט נאָך דער „מפּלה" איז ער געווען אַזוי רוהיג און שטאָלץ ווי אימער, און גראָד ניט אונגליקליך.

און שטעהענדיג אויף אַ מאָמענט אויף דיעזען פּלאַץ זוך איך מיט די אויגען דעם גוטען אַלטען רעסטאָראַן, מיט דעם המון פון טהעאטער־נעכט, מיט די שוישפּיעלער נאָך דער פאָרשטעלונג ועל כולם די ליעבע, שטרענגע, שעהנע פיגור פון דעם פערפאַסער... אַלעס פערשוואונדען. עס קומט אַ בריק אַריבער פון ברוקלין אַהער, אַ גרויסער וואונדערבאַרער שפּאַן איבער'ן טייך. ער וועט איהם וואהרשיינליך שוין ניט בענוצען. ניט ער.

דער ספר־החיים.

איך געה צו סענטער סטריט, וואו איך וועל ביי קאַנעל סטריט זיך זעצען אויף דעם סאָבוויי־צוג און פאָהרען אַ היים.

איך קויף אַ צייטונג און אַ מינוט שפּעטער בין איך שוין אויפ׳ן וועג אַהיים צו. איך פּרוביר לעזען די צייטונג. איך לעז. וואָס? נו, מיינע אויגען שיינען צו וויסען, מחמת זיי געהען ריכטיג פון ציילע צו ציילע, ווי מען דאַרף, און שיינען ניט דורכ־צולאָזען קיין בוכשטאַב, ניט צו מאַכען קיין „דרוקפעהלערן“. כסדר געהען זיי און לעזען דאָס געדרוקטע אין דער צייטונג, אָבער וואָס? דער מח הויבט ניט אָן צו וויסען. אַ מעכאַנישער פּראָצעס....

אַזוי קען מען דורכגעהן ניט נור דורך פיעלע שפּאַלטען אין אַ צייטונג, נור אויך דורך אַ סך יאָהרען אין׳ם לעבען. די אויגען זיינען אָפען און וואָס ארום אייך פּאַסירט ווערט ריכטיג אין זיי אָבגעשפּיגעלט. אָה, יאָ! און, דאַכט זיך, די אויערן דערהערען וואָס די אויגען דערזעהען ניט, און וואָס זיי דערהערען ניט, דער־שמעקט דאָך דער נאָז, דערטאַפּט די האַנד, דערפיהלט דער גומען. אַלץ, דאַכט זיך, כדבעי, ווי עס בעדאַרפט צו זיין, און דאָך... דער מח איז נור אָנגעפילט מיט איינדריקע, אָבער וואָס דאָס אַלץ בע־טייט וויים ער ניט. און מיט אַלע פינף חושים „אין בעסטער אָרדנונג“ געהט איהר דורכ׳ן לעבען, ניט פערשטעהענדיג וואָס איהר האָט מיט אייער געהירן אין זיך אריינגענומען, ניט פערשטעהענדיג וואָס דאָס אַלעס בעטייט... אָפּען ווי מיין צייטונג פאָר מיר איז פאַר אייך געווען אייער ספר־החיים און אָפען זיינען פאַר׳ן ספר־החיים געווען אייערע אויגען, און געלעזען האָבען די אויגען, אָבער וואָס? דאָס ווייסט איהר ניט.

און וואָס מכח די יחידי סגולה וואָס בלעטערן דעם לעבענס־בוך מיט פערשטאַנד? נו, און ע ר, למשל? ער? ער, וואָס האָט אַזוי קלאָר און אַזוי פיעל פערשטאַנען פון דאָס וואָס זיינע אויגען האָבען געזעהן....

ניט צו פערגעסען! ביז ער איז אַלט געוואָרען 50 יאָהר האָט ער געהאַט די שאַרפסטע פינף חושים צווישען טויזענדער מענשען. ער האָט איבערהויפּט געקענט דערזעהן, דערהערן און דערשמעקען זאַכען בעסער ווי די מייסטע ארום איהם. דערפאַר, צווישען אַנדערע זאַכען, איז זיין אויער געווען אַזוי מוזיקאַליש־שאַרף און „טשוטקע", אַז דער מינדעסטער פאַלש האָט איהם אַ הויב געטאָן. דערפאַר איז ער געווען, ווי איך האָב שוין פריהער געזאָגט, אַזאַ מבין אויף מוזיק, סאַיי וואָקאַלע סאַיי אינסטרו־מענטאַלע, סאַיי די מוזיק אין דער נאַטור און אין אַלע מעגליכע פיזישע בעוועגונגען, הגם ער אַליין האָט ניט געזונגען, האָט ניט געשפּיעלט אויף קיין אינסטרומענט, און איז ניט פעהיג געווען צו שאַפען קיין ריטהמישען שפּראַך־אויסגוס, ווי דאָס מערקט זיך אַזוי שטאַרק אין זיין פּראָזאַ צו „גאָט, מענש און טייוועל".

נחזיר לעניננו.

און ער, זאָג איך, ער וואָס האָט פערשטאַנען אַלץ וואָס זיין שאַרפע אויג האָט געזעהן? ער, וואָס פערשטעהט נאָך איצט אַלץ וואָס ער זעהט און הערט, נאָך איצט, ניט אַכטענדיג אויף זיינע שרעקליכע יסורים? און ער, פרעג איך נאָך אַמאָל?

ער ליעגט הילפלאָז, רעטונגסלאָז, האָפנונגסלאָז אויף אַ קראַנקענבעט און וויל קיין זאַך מעהר ניט זעהן, און וויל קיין זאַך מעהר ניט הערן און וויל קיין זאַך מעהר ניט פערשטעהן, און פון זיינע פינף חושים איז איצט איהם ניצליך נור דער געשמאַק אין גומען און ווייטער, דאַכט זיך, גאָר נישט.

זעהען וויל ער ניט.

צו־וואָס? די בוימער דרויסען מאַכען חוזק פון איהם. דאָס איז זיכער. זיי, אַ שטייגער, וועלען נאָך האָבען מעהר ווי איין שיין־טויט און מעהר ווי איין תחיית־המתים... וועהרענד ער... און דאָס לאַכען זיי איהם פרעך אין פנים אריין... שטעהען און בעוועגען מיט יעדען ווינד די קעפּ, מיט די הערנער זייערע, וואָס זיי רופען צווייגען, אין אַלערליי ריכטונגען... אויסגעפּוצט אין

גרין... אויסגעפּוצט אין דער גאַנצער פּראַכט פון זייער מאַי־לעבען, און לאַכען...

אַנדערע קען ער זעהן וואָס וואָלטען גערן ווייגען. דאָס זיינען די מענשען ארום איהם. און זיין אויג פערמאַכט זיך ווען זיי קומען צו נעהנטער, ווייל, ווי זיי זאָלען זיך ניט פערשטעלען, וואָס זיי זאָלען ניט טאָן צו פערציעהן מיט אַ דיקען שלייער די מרה־שחורה אויף זיך, וואָלט זיין אויג קענען לייכט לייענען דעם וואָרט: „טויט" אויף זיי, און דאָס וויל ער ניט.

און אויב ער בלעטערט נאָך איצט וועניגסטענס אין זיין אייגענעם אינדיווידועלען ספר־החיים, וואָס זעהט ער? וואָס דענקט ער? וואָס פיהלט ער? ער, מיט די לונגען וואָס פוילען, מיט דעם לעבען וואָס פּאַקט זיך שוין איין און איז שוין רייזע־פּערטיג... מיט דעם אָטהעם וואָס ווערט דערשטיקט דורך דעם סאַמע דראַנג פון'ם לעבען, וואָס וויל אַרויס, אַרויס!

און איך קלער:

וואָלט ניט בעסער זיין פאַר איהם צו לייענען ווי איך לייען איצט? צו בלעטערן אין זיין ספר־החיים, צוריקצובלעטערן, צו זעהן, אָבער גאָרנישט, גאָרנישט צו לייענען!

* * *

און אפשר ניט. ווער ווייס? אפשר ווען ער בלעטערט איצט צוריק און זעהט איין גלאַררייכען קאַפּיטעל נאָך דעם אַנדערן, איין גרויסע אָוואַציע נאָך די אַנדערע, איין ליעבעס־דעמאָנסטראַציע נאָך די אַנדערע — אפשר פערזיסט דאָס איהם די לעצטע טעג, אפשר בעצאָהלט איהם דיעזע עראינערונג פאַר די פיעלע ביטערע בעכערס גיפט און גאַל וואָס ער האָט געטרונקען און וויעדער אויסגעבראָכען אַל די יאָהרען אויף דער אידישער ביהנע, — די ביהנע, וועלכע איז אין זיינע הענד געוואָרען פון אַ באַלאַ־גאַן אַ טעמפּעל, פון אַ טינגעל־טאַנגעל אַ טהעאַטער!

אפשר שטעלט זיך אָב זיין אויג, בלעטערענדיג אין זיין לע־בענסבוך, אויף דעם יום־טוב פון זיין צעהן־יעהריגען געבורטסטאָג אַלס אידישער דראַמאַטורג?

אפשר דערמאָנט ער זיך אָן דעם אָבשיעדס־אבענד פאר זיין אוועקפאָהרען פון אמעריקא מיט צוויי יאָהר צוריק, וואו עס איז צו איהם — דאכט זיך אין דעם לעקטשור האָל אין דער עדיר־קיישיאָנאל ליעג, פאר וועלכע ער האָט אזוי אונערמידליך און אזוי לאנג געארבעט — ארויסגעוויזען געוואָרען פיעל אמת־אויפריכ־טיגע ליעבע און ערגעבענהייט?

אפשר דערמאָנט ער זיך, ווייטער בלעטערנדיג אין דיעזען לעבענסבוך, אָן די גליקליכע טעג וועלכע ער האָט פערבראכט צווישען דאנקבארע פערעהרער אין גאַליציען, אין דעם לאנד וואו ער איז ענטדעקט געוואָרען אלס מענש, וואו מען האָט פיעל־לייכט צום ערסטען מאָל געטראָפען א אידישען מחבר וואָס לא די וואָס ער קומט ניט שנאָררען, גיט ער גאָר געלד, און גיט מיט א פולע האנד?

אפשר דערמאָנט ער זיך אָן אונזער בעגעגענען איהם ביין צוריקקומען, אָן די אמת׳ע פריינד, וועלכע ער האָט געפונען אין א גרעסערע צאָהל ווי ער האָט איבערגעלאָזען?

אפשר דערמאָנט ער זיך אָן די פיעלע פרעהליכע ערסטער־מאי אָוועגדען, ווען מיר זיינען — פון יאָהר צו יאָהר — צונויפגע־קומען אין זיין הויז צו פייערן זיין געבורטסטאָג, איהם בעטראכ־טענדיג און בעהאנדלענדיג ווי א פאטריארך אין דער קאָלאָניע, ווי א קעניג איבער הערצער פון פריינדע און פון לאנדסלייט?

אמת, צווישען דיעזע געבורטסטאָג־יום־טובים, פון וועלכע דער פופציגסטער איז געווען דער פרעהליכסטער, מוז איהם היינט שטעהן פאר די אויגען דער געבורטסטאָג פון פאר פיער וואָכען, ווען ער האָט שוין געפיהלט אז דאס איז זיין לעצטער... אמת, ער האָט שוין דאן, ביי יענעם לעצטען יום טוב פון דיעזער ארט, אזוי גוט ווי אָבשיעד גענומען פון זיינע פריינדע און לאנדסלייט און, ווי אין וויקטאָר הוגאָ׳ס לוקרעציא באָרדזשיאָ, געזעהען ווען ניט פינף, יעדענפאלס איין ארון אריינגעטראָגען ביין סאמע מאָהלצייט... אמת, ער האָט מיט זיין שארפע אויג, שוין דאן געזעהן דאָ און

דאָרטען אַ טרעהר אַראָבפּאַלענדיג אין אַ כוס פון וויין, און אַ פערדעכטיגע בלייכקייט אויף אַ „לוסטיגען" פּנים... אמת, ער האָט שוין דאַן געענטפערט דר. ק., וועלכער האָט פאַר'ן אוועקגעהן מיט איהם גענומען רעדען פון דעם איבער־אַ־יאָהריגען געבורטס־טאָג, אַז איבער אַ יאָהר וועט ער, דער דאָקטאָר, שוין קיין חשק ניט האָבען צו איהם צו קומען... אמת, ער איז שוין דאַן מיט גרויס מאַטערנים אַרויפגעגאַנגען, נאָכ'ן יום טוב, אויבען שלאָפען, וועה־רענד דער יום־טוב גופא איז אָבגעקירצט געוואָרען מיט שעהנע עטליכע שטונדען

אמת, אמת, אמת — אָבער גענען דיעזען טרויעריגען טאָג האָט ער דאָך געהאַט אַזוי פיעל פרעהליכע, פערגניגטע!

אויב אַזוי לאָז ער לייענען און וויסען וואָס ער לייענט אין זיין ספר־החיים, ביז דאַס בוך וועט ענדליך אַרויספאַלען פון זיינע הענד צוגעמאַכט אויף אייביג.

דערווייל קומט דער סאָבוויי־צוג אין גרענד סענטראַל דיפּאָ... דער וואַגאָן ווערט שרעקליך פול, עס שטעהען כמעט ניט ווייניגער מענשען ווי עס זיצען.

אין ניו יאָרק, פאַלט מיר איין, ווערט אימער פולער אין די גאַסען און אויף די אייזענבאַהנען און דאָך שטאַרבען מענשען, זיי שטאַרבען, דאַכט זיך, דאָך כסדר, און אַמאָל... אַמאָל זאָגאַר...

מיינע געדאַנקען ווערען מטושטש, די אויגען מאַכען זיך צו און איך דרעמעל איין. ווען איך כאַפּ זיך אויף בין איך שוין אויף מיין סטאַנציע.

זיין אידיש.

ווען איך קום אַהיים איז דער זייגער שוין באַלד האַלב אַכט. איך נעהם זיין „סאַפאָ“ אין האַנד אריין און זעץ זיך עסען. איך עס אַפּט מיט א בוך — א שלעכטע געוואוינהייט, פון וועלכע איך קען ניט פּטור ווערען, און דאס איז ניט מיין געוואוינהייט אַליין; דאס איז אפילו ניט א ספּעציפיש־אידישע געוואוינ־הייט. לעזען און קאַייען געהט צוזאַמען ביי אַמעריקאַנער, אַזוי גוט ווי ביי אידען, מיט דעם איין אונטערשיעד, וואָס דער אַמערי־קאַנער קאַייט ביים לעזען, בעת דער איד לעזט ביים קאַייען.

„סאַפאָ“ איז איינע פון זיינע בעסטע דראַמען. אָבער לע־זענדיג פיהל איך, אַז אפילו דיעזע פּיעסע איז אין א געוויסען זין אַזוי פּערפאַסט געוואָרען, אַז זיין כאַראַקטעריסטישער אויסדרוק „אָנגעשריעבען“ איז ליידער פּאַסענד.

מען דערצעהלט איצט — איצט ווען זיין קראַנקהייט האָט ענטוואַפענט אַלע געגנער און האָט צו זיין הויז צוגעווענדעט די אויגען זאָגאר פון אמאַליגע שונאים — אַלס א שבח, אַלס א זאַך צום בעוואונדערן, אַז ער האָט פערפאַסט נאָהענט פון 80 פּיעסען אין 18 יאָהר. אין מיינע אויגען איז דאָס דאָס איינציגע וואָס איך בעדויער, ווייל אין אַזא פערהעלטניסמעסיג קורצע צייט קען מען אַזוי פיעל דראַמען ניט שרייבען, מען קען זיי, העכסטענס, אויפשרייבען, אָנשרייבען.

וואָלט גאָרדין ענטוועדער געשריעבען שונד פאַר׳ן גרויסען ברייטען עולם, אָדער גוטע, רעאַליסטישע דראַמען, ווי די, וועלכע מיר ירש׳נען פון איהם, פאַר די דייטשע אָדער אמעריקאַנישע ביהנע, דאַן וואָלט איהם יעדע דראַמאַ אויסגעהאַלטען, איהם און זיין גרויסע פאַמיליע בהרחבה, זאָגאר אין לוקסוס וועניגסטענס אויף א יאָהר. דער רעזולטאַט דערפון וואָלט געווען א דראַמאַ ניט וועניגער שטאַרק ווי זיינע בעסטע, אָבער מעהר פּאָלירט, מעהר, וואָס מען רופט, ליטעראַריש. כדי אָבער צו לעבען, כדי ווי

עס איז צו לעבען, האָט ער ביז די לעצטע דריי־פיער יאָהר גע־מוזט שרייבען צוויי אָריגינעלע פּיעסען און איבערזעצען צוויי פון אַנדערע שפּראַכען. דאס האָט, נאַטירליך, ניט געקענט גע־טאָן ווערן מיט זעהר פיעל אויפמערקזאַמקייט. ער האָט ניט גע־האַט די מעגליכקייט זיך אָבצושטעלען אויף יעדען דיאַלאָג, אויף יעדע פראַזע. געוויס, דער עפעקט ליידט דערפון זעהר ווענינ, ווייל, נאָך אַלע מעשות, זיינען אידישע שוישפּיעלער נאָך זעהר ווייט פון דקדוק־הלשון און אין זייער אויסשפּראַכע וואָלטען פערלאָרען געגאַנגען אַ סך סטיליסטישע קאָממאַס און סעמי־קאָלאָנס, אפילו ווען זיי וואָלטען אין דעם מאַנוסקריפּט ניט גע־פעהלט אויך, ד. ה. ווען ער, אַן אייראָפּעאיש געבילדעטער מענש, וואָלט געקענט מעהר אויפּפאַסען אויף די גראַמאַטיק פון דאָס וואָס ער האָט אריינגעלעגט אין דעם מונד פון אַ סאָפּיע פינגערהוט, וועהרענד דיזעלביגע גראַמאַטיק וואָלט גיכער געווען אַ שטער אין אַ „ספּיטש“ פון, למשל מלך שטעמפּעל, דעם רייכען פישהענדלער, בעסער געזאָגט, דעם רייכען פישמאַרק־מענש.

דער עיקר איז,אַז ער האָט אייגענטליך ערסט אין די לעצטע יאָהרען אָנגעפאַנגען צו שרייבען פאַר די אידישע ליטעראַטור אַזוי גוט ווי פאַר די ביהנע. נאָך מעהר, ער האָט ערסט אין די לעצטע יאָהרען אָנגעפאַנגען צו האָבען אַביסעלע — יאַ, אַביסעלע, ניט צו פיעל — אמונה אין די אידישע שפּראַך און איהר ליטע־ראַטור׳ס צוקונפט. ניט גלויבענדיג דאַרין, איז איהם וואהרשיינליך אין די ערסטע יאָהרען פאָרגעקומען קאָמיש, אַז אימיצער זאָל נעהמען אידיש ערנסט און זאָל, ניט לאַכענדיג פון זיך אַליין, רעדען פון אַ אידישע גראַמאַטיק. דערפאַר איז פאַר איהם נור וויכטיג געווען אַז זעליג־איציק דער כליזמר, און נחום׳צע חנה דבורה׳ס דער מלמד, און הערשעלע דובראָוונער דער סופר סתם, און שליאָמע הוץ דער שניידער, און דער נאַר־וואָס דערמאָנטער מלך שטעמפּעל, און דער פריהער דערמאָנטער חאַלדעק דער פּעדלער, און אַלע אַנדערע טיפּישע פּערזאָנען זאָלען רעדען אַ לשון וואָס פּאַסט פאַר יעדען פון זיי, אָבער צו דער אידישער

סוחר, דער דאָקטאָר, דער לעהרער, דער אפּטייקער, דער מוזיקער און אַנדערע אַזעלכע האַלבע און גאַנצע אידישע אינטעליגענטען רעדען דעם נוסח ווילנא אָדער ווי מען רעט ביי איהם אין יעלי־סאַוועטגראַד, איז פאַר איהם געווען אַ גאַנץ גלייכגילטיגע זאַך.

און איצט ערסט פערליער איך ביסלעכווייז די האָפנונג, וועלכע איך האָב געהאַט, און דאס איז: צו דערלעבען צוזאַמען מיט איהם די צייט, ווען ער וועט קענען לעבען פון אייניגע ענגלישע פּיעסען, דאס הייסט, פון אייניגע אידישע איבערגעאַרבעט פאַר די ענגליש־אַמעריקאַנישע ביהנע, כדי צו קענען דורכזעהן די וויכטיגסטע פון זיינע ווערקע און זיי צו געבען די נויטיגע פּאָליטור.

דיעזע האָפנונג שיינט צו שטאַרבען צוזאַמען מיט איהם.

עס ווערט פינסטער.

דרויסען איז שוין פינסטער. דער קירכענגלאָק האָט נאָר־וואָס געשלאָגען אַכט. אין דריי—פיער וואָכען אַרום וועלען די טעג אָנפאַנגען וואַקסען צוריק און די נעכט וועלען אָנהויבען ווערען גרעסער. דער שעהנער פריהלינג וועט זיין צו־ענד, — דעם יאָהר'ס בליהענדע, וואַקסענדע קינדהייט און יוגענד. דאַן וועט ער, דער יאָהר, אריינקומענדיג אין זיינע רייפע לעבענסצייט, זיך פעראייניגען מיט דער ליעבעפּאָלער, פרוכטבאַרער, אייביג יונגער ערד און זי וועט שוואַנגער ווערן מיט אַ נייעם לעבענשאַץ, וועל־כען זי וועט שפּעטער אין דעם הערבסט אַרויסברענגען פון איהר שויס און איבערגעבען מיט אַ ברכה צו דער מענשהייט, וועלכע איז געוואַקסען און אויסגעוואַקסען אויף איהר בוזים, ווערט בע־שיצט פון איהר ליעבע און פון איהר פולע האַנד ערנעהרט. דאַן וועט זי איינשלאָפען און וועט רוהען איבער ווינטער — איהר

קאַלטע נאַכט — אונטער אַ ווייסע דעקע, אַ קאַלדרע וואָס איז לייכטער אָדער שווערער, דינער אָדער דיקער נאָך די קעלט נאָך פון דער נאַכט. ווען דער מענש, קלער איך, וואָלט געקענט אַזוי איינשלאָפען! ווען דער מענש וואָלט געהאַט אַלע יאָהר זיין פריהלינגס־יוגענד, זיין זומער־רייפקייט, זיין הערבסט־עלטער און זיין ווינטער־טויט...!

דרויסען איז שוין פינסטער.

דאַס נאַטירליכע ליכט איז אויסגעגאַנגען און איך צינד אָן דאַס קינסטליכע, דאַס געמאַכטע ליכט. עס איז ליכטיג אויף דעם אָרט, אויף וועלכען עס פאַלט דער קאַרגער שטראַהל פון דעם קליינעם פלאַם, אָבער ניט ווייט אַרום זיך, ניט ווייט איבער זיך, ניט אין די ווינקעלעך... ווי בשעת די זון שיינט.

דאַס מערקט זיך יעדעסמאָל ווען אַ זון געהט אונטער, אַ גרויסער הימעלסקערפּער איבער אונז, וועלכער לייכט אונזערע אויגען, חוץ וואָס ער וואַרעמט די הערצער. אמת, מיר האָבען אַ סך קלענערע ליכט, פיעלע, פיעלע לייכטענדע פלאַמען; אמת, עס ווערט ניט אין גאַנצען פינסטער, אָבער ביז אַנאַנדער מאָרגען וועט אַרויסברענגען אַנאַנדער זון, וועלען אַל'די קינסטליכע קליינע און גרעסערע פלאַמען ניט פערנעהמען דעם אָרט פון די אונטער־געגאַנגענע זון ניט אַלס אַ ליכט אין די אויגען, ניט אַלס אַ וואַ־רעמקייט־שפּענדער פאַר די הערצער.

דרויסען ווערט מעהר און מעהר פינסטער.

איך פיהל זיך מיד, גייסטיג־מיד, מיין מוח האָט צופיעל געטראַכט היינט. איך בין אויסגעמאַטערט ווי איך ווער אימער, צוברענגענדיג עטליכע שטונדען אין אַ מוזעאום, אין אַ בילדער־גאַלעריע, אין אַ גרויסע מענשענמאַסע און אין אַנדערע ערטער וואו איך קריעג מיט אַמאָל אין אַ קורצע צייט צופיעל איינדריקע, צופיעל פערשיעדענע בילדער, צופיעל אַרויסגערופענע אַלטע עראינערונגען, צופיעל פאָרשטעלונגען פון די נאָהענטע און ווייטע צוקונפט. איך זעץ זיך צו אין דעם גרויסען לעהנשטול, שפּאַר זיך

אָב און וואָלט גערן צומאַכען די אויגען איך האָב קיין מורא ניט זיי צוצומאַכען, מחמת ביי מיר וועלען זיי זיך נאָך צוריק עפענען...

ארום און ארום אין צימער שטעהען און רוהען מיינע אַלטע פריינד — די ביכער.

דער בעסטער פון מיינע מענשען־פריינד וועט באַלד שוין ניט מעהר זיין לעבען מיר, וועט זיין פערוואַנדעלט אין אַן ערֹאינע־רונג, אין אַ קאַפּיטעל פון מיין לעבענסבוך, אין אַ צוקינפטיגען בלאַט אין דער ליטעראַטורגעשיכטע פון דער מענשהייט, — פאַר מיר אַן אייביג פרישע, אַן אייביג גרינע בלאַט אריינגעטאָן אין אַ בוך.

און זיי? און די ביכער־פריינד מיינע? זיי, וועלכע איך האָב מיר אין פיעל פעללע ערוואָרבען מיט שווערע מיה, דורך גרויסע אָפּפער, אין צייטען פון נויט און פון ליידען, פון מאָגען־פוסטקייט און טייסטער־אויסצעהרונג, ווי לאַנג נאָך וועל איך זיי בעהאַלטען לעבען זיך?

ווי לאַנג נאָך, ווייל איך זאָגען, וועלען זיי מיך בעהאַלטען לע־בען זיך?

און גלייך דאָ ביי מיין רעכטער האַנד ווי איך ליעג־זיצענדיג אין'ם לעהנשטול דערזעהט מיין אויג אַ גאַנצע פאָלקע מיט דראַ־מאַטישע ווערקע, צווישען זיי איבסען, שאָ, אָסקאַר ווײַלד, גאָלד־סמיטה, בולווער־ליטאָן און אַנדערע איבער זיי, אונטער זיי, ארום זיי... אין געדאַנקען זעה איך זיין צימער און אַנדערסוואו אַ גאַנצע רייהע פון אַנדערע דראַמאַטישע דיכטער, וועלכע זיינען היינט שאָטענס און נעמען, אָבער רעאַלער, זיכטבארער, פיהלבארער און לעבעדיגער ווי די קליינע ברואים וואָס ריהרען זיך און בעוועגען זיך און פיטערן זיך אויפ'ן „געמייזאַכץ“.

און מיינע מידע אויגען הויבען אָן זיך צו שליסען און, ווי געזאָגט, איך האָב דערפאַר קיין מורא ניט, ווייל זיי וועלען זיך ווידער עפענען ביי מיר... און איך דרעמעל איין.

אַ דעבאַטע אין מיין ביבליאָטייק.

איך וואָלט דאָ געקענט אייך דערצעהלען דעם פאָלגענדען חלום:

ע ר ווערט מיט אמאָל פערוואַנדעלט אין צעהן גרויסע, פיינע בענדער פון יעקב גאָרדין׳ס דראמען.

דיזע צעהן בענדער קומען אריין אין מיין ביכערשראַנק, שטופּען ארויס א סך אנדערע, ווי איינער זאָגט: „מאכט פּלאַץ פאר אונז דאָ לעבען איבסענען, דעם נאָרוועגישען סאָציאַלען דראַ־מאטורג, מיט וועלכען מיר פיהלען זיך היימישער און פערוואַנדטער ווי מיט אייך. אגב, זיינען מיר נעהנטער צום בעל־הבית ווי איהר, רוקט זיך א ביסעל אָב!״

און ווי זיי שטעלען זיך אוועג אין רייה מיט יענעם, ארויס־שטופּענדיג, צווישען אנדערע, דעם גייסטרייכען פּערפאַסער פון דראַמאַטיזירטע פּאַראַדאָקסען בערנאַרד שאָ, הער איך ווי דיזער דערלאַנגט א זאָג:

— האַללאָ! אידען, ביי דזשאָרדזש! זעהט זיי נור אָן! וואָס פאַר הילעם זיי טראָגען, וואָס פאר א לשון זיי רעדען, וואָס פאר א ווילדען בליק זיי האָבען, — א בליק וואָס לויפט, ווי אָן אזיאַט, פון רעכטס צו לינקס! זעהט נור, ווי זיי עפענען זיך פערקעהרט, און לייענען זיך פון דעם סוף צום אָנהויב... וועל, איי עם דעמד!!

און מיר דאכט אז אימיצער צווישען די אנדערע נעהמט זיך אָן פאר די נייע־אָנגעקומענע געסט אין׳ם שראַנק און זאָגט:

— דאָס אַלעס. וועגען רעכטס און לינקס איז אונזין, ליעבער בערנאַרד, דאָס רעדסטו ווי אַן איירישמען, וועלכער האָט אַן אינזעל־בליק אויף אַלץ וואָס איז ניט ווי ביי איהם, און רופט דאָס דערפאַר פערקעהרט. אָבער אנדערס ווי מיר אַלע זיינען אונזערע נייע, נאָר וואָס איינגעוואַנדערטע שראַנק־בעוואוינער, אין פיעל היג־זיכטען ווירקליך. אנדערס און זאָנדערבאַר.

— צום ביישפּיעל? פרעגט דער יודענפריינד לעסינג, אראָב־

רעדענדיג פון אן אויבערשטען עטאַזש אין׳ם ביכערשראַנק.

— אַט וועל איך דיר זאָגען, רופט זיך אָב יענער. דער פאָטער פון אונזערע נייע פריינט, זייער גייסטיגער פאָטער, האָט געהאַט א שרעקליכען שווערען בארג־ארויף־וועג צו געהן און דאָס אָפט אויף א ניכטערן מאָגען, אין א ברענענדער היץ, אָהן וואַסער אין זיין פענכער, אָהן פראָוויאַנט אין זיין זייטענטאַשע. ווען דו, בערנאַרד, ביזט געקומען צו געבען דיינע גייסטעסקינדער זייער געשטאַלט און זייער אינהאַלט, האָסטו פאַר זיך געפונען ווענינגסטענס דריי יאָהרהונדערטע אָנגעטראָגענעם רייכען מאַטעריאַל און פאַרטיגע פאָרמען, און א וואונדערבאַר מעכטיגען פורעם: דער לשון איז געווען פאַרטיג, אויסגעאַרבעט, רייך, חוץ וואָס דו האָסט אין דיין אוידיטאָריום געפונען א פובליקום, וועלכעם שעקספּיר און פלעטשער, און קאָנגרעוו, און שערידאַן, און אלע אונזערע פריינדע דאָ ארום און ארום אונז האָבען פריהער פאַר דיר געהאַט אויסגעבילדעט.

— און ער? פרעגט שאָ.

— ער האָט פאַר זיך געהאַט אן עולם, וואָס זיין ערציעהער איז געווען א חזן וואָס האָט געמאַכט משוררים פאַר פורים־שפּיעלער...

— וואָס איז דאָס?

— נעוועֶר מאַינד, בערנאַרד! פאַר פורים־שפּיעלער, פאַר קאָמעדיאַנטען, וואָס טאַנצען אונטער, און זינגען צו, און שטעלען פאָר א טהעאַטער אין׳ם טהעאַטער, ווי איינער פון זייערע ערסטע רעצענזענטען (דאכט זיך, דער בעל הבית) פלעגט זאָגען, אַזוי האָט אויסגעזעהן ז י י ן פובליקום. היינט דער לשון. דאָס איז געווען א דור־הפלגה שפּראַך מיט ווענינ אייגענע אויסדריקע און נאָך ווענינער קריסטאַליזירטע איינהייטליכקייט — ענטשולדיגט די לאַנגע ווערטער, שאָ! — און אין דיעזען לשון האָט ער אָנגעהויבען צו בילדען זיין פובליקום, פאַר זיי רעדענדיג דורך זיינע טיפּען. און אין דיעזען לשון, וועלכען א טייל האָט

ניט פערשטאַנען איין טהייל פון זיין פובליקום און אַנאַנדער טהייל אַנאַנדערער האָט ער געשאַפען די דאָזיגע טיפּען און געמאָלט זיינע סצענען און אריינגעגעבען פלייש און בלוט אין זיינע בעשעפעניסען.

— אָבער, פרעגט שאָ, האָט ער ניט געהאַט פאַר זיך דעמזעל־ביגען שעקספּיר און די אַנדערע דראַמאַטורגען, אפשר נאָך מעהר ווי איך, ווייל ער האָט פערשטאַנען די סלאַווישע דיכטער און די גערמאַנישע און אפשר נאָך אַנדערע, ווייל אידען זענען פּאָליגלאָט־מענשען, און רעדען אַלע לשונות...

— אַלע גלות־שפּראַכען, כאַפּט אונטער מרדכי אהרן גינצ־בורג, וועלכער שטעהט אין דעמזעלבען צימער.

—דאָס איז אמת, ענטפערט דער פריינד פון די געסט, — אָבער ער האָט ניט געפונען ווי דו, בערנאַרד, האָסט געפונען, די שעקספּירס מיט די פּלעטשערס, מיט די שערידאַנס אין ז י י ן שפּראַך. ער האָט זיי ניט געקענט אריינפיהרען ביי זיין פאָלק ווי זיי שטעהען און געהען. ער איז געווען געצוואונגען צו געבען די האַמלעטס מיט די אָטהעלאָס, מיט די מאַקבעטהס אידישע גע־שטאַלטען, וואָס ביז איהם זיינען ניט געווען און דאָס דורך ווער־טער, וועלכע האָבען נאָך ניט געהאַט קיין בעשטימטע מאָס און געוויכט, קיין קלאָרען אינהאַלט, קיין אויסגעפּרעגטען פּנים, אזוי ווי עס האָט ניט א מטבעה איידער זי ווערט געשטעמפּעלט, אָדער נעך דעם ווי דער שטעמפּעל איז שוין אָבגעריעבען. — און דאָן האָט ער זיך געמוזט רעכענען מיט די שוישפּיעלער און זייערע פעהיגקייטען. ער האָט געמוזט צושניידען זיינע קליידער נאָך זייער וואוקס נאָך, ווייל ער האָט ניט געשריעבען סתם אין דער וועלט אריין...

— אינ׳ם בלויע הינאַיין — בורבעלט אונטער געטהע פון אויבען.

— יאָ, ווי ער זאָגט: אָט, א שטייגער, טאָקע ווי הערר פאָן געטהע האָט געשריעבען זיין „פויסט“, זיך ניט קימערנדיג ניט וועגען די שוישפּיעלער, ניט וועגען דעם פובליקום און ניט וועגען

די קינדער וואָס דאַרפֿען קריגען זייער פֿריהשטיק פֿון „פּויסט׳ס" טראַגעדיע אין׳ם אָווענד. און דאַן נאָך וואָס. ע ר האָט געמוזט אריבערגעהן פֿון דעם באַלאַגאַן אין דעם מוזענטעמפּעל איבער א בריק, וואָס האָט זיך אָנגעהויבען ביין באַלאַגאַן און האָט זיך גע־ענדיגט ביין טעמפּעל. דער אריבערגאַנג האָט געדויערט עטליכע יאָהר. דער בריק האָט געמוזט געבויט ווערן פֿון דעם מאַטעריאַל וואָס האָט זיך אונטער דער האַנד איינגעפֿונען אין דעם דאָזיגען באַלאַגאַן. דאָס מערקט זיך און פֿיהלט זיך נאָך אין זיינע ערסטע בעשעפֿעניסען. אַביסעלע, יאָ א ביסעלע, ניט פֿיעל ווערט דאָרטען נאָך געזונגען און געטאַנצט, ווייל אין באַלאַגאַן איז דאָס געווען אַן עיקר...

— סאַפּריסטי! גענוי ווי אין מיין צייט! רופֿט אויס מאָליער, ארויספּלאַצענדיג פֿון דעם שראַנק אַנטקעגען.

— יאָ, זעצט יענער פֿאָרט, ווי אין מאָסיע מאָליער׳ס צייט. און דאָס עראינערט מיך אָן אַן אַנדער פּונקט. גענוי ווי העררמאָליער האָט געמוזט צומאַכען א פֿיערטען און פֿינפֿטען אַקט צו זיין „קרעמער־דזשענטעלמאַן" ווייל דער קעניג, לודוויג דער פֿער־צעהנטער האָט געוועלט לאַכען און פּונקט ווי ער האָט פֿערדאַרבען מעהר ווי איין קאָמעדיע... איך מעג דאָך דאָס זאָגען, מאָסיע?

— געוויס, געוויס! לאַכט מאָליער.

— אזוי ווי ער האָט פֿערדאָרבען מעהר ווי איין גרויסע קאָ־מעדיע דורך דעם, וואָס דער קעניג האָט געפֿאָדערט א נייע פּיעסע אין א קורצע צייט, ווייל ער האָט ניט געקענט וואַרטען, אזוי האָ־בען ביי אונזער אידישען קאָללעגע אייניגע פֿון די ערסטע פּיעסען געליטען דורך דעם, וואָס זיינע מאַיעסטעט דאָס פֿאָלק האָט, רע־דענדיג דורך די אימפּרעסאַריאָס, געשטעלט א צו קורצען טער־מין פֿאַר א נייע פּיעסע, און אויך דורך דעם וואָס זיי האָבען זיך ניט געקענט צוגעוואוינען צו א שלעכטען סוף אין א דראַמאַ, ווייל, ווי לודוויג, האָבען זיי פֿריהער פֿאַר אַלץ געוועלט לאַכען און אוועגגעהן לוסטיג פֿון׳ם טהעאַטער. — דאָס איז געווען די צייט

ווען אונזער פריינד איז אריינגעקומען אין דעם טעמפּעל פון מעלפּאָמענע און טהאליא אויף דעם בריק וואָס איז געבויט גע־וואָרען אין דעם אַלטען באַלאַגאַן.

די לעצטע רעדע איז אונטערבראָכען געוואָרען פון דעם פראַנצויז סקריב און פון אַנדערע, וועלכע געדענקען די צייט אין די ערסטע העלפט פון'ם ניינצעהנטען יאהרהונדערט אין פראַנק־רייך, וואו מען האָט פּאַר אַ פּיעסע מיט אַ שלעכטען סוף אויך געכאַפּט אַ מיאוסען סוף.

זייער לאַרעם האָט מיך אויפגעוועקט פון מיין לייכטען שלאָף.

איך האָב אייך געזאָגט אַז דיעזען חלום וואָלט איך געקענט אייך דערצעהלען. דאָס האָט זיך מיר אָבער אין אמת'ן אַזוי ניט געחלומט. נור דיעזע געדאַנקען זענען דורך מיין מוח דורכ־געגאַנגען בעת איך בין געלעגען זיצענדיג אין מיין לעהנשטול צווישען די ביכער.

אַ ניט גערעדטע אונטערהאַלטונג.

איך האָב אויסגעטרונקען אַ גלאָז טיי. בין געוואָרען אַ ביסעלע אויפגעמונטערט. דער טאָג איז איצט שוין געווען לאַנג טויט. דער אָוועגד האָט שוין אָנגעהויבען צו שמעקען מיט נאַכט. דער חג הבכורים ביי מיר — שבועות ביי פרומע אידען — איז געווען צו ענד.

עס איז האַלב נאָך ניין!

ווער וויים, וואָס מאַכט ע ר? וואָס מאַכט דער אָרעמער דולדער און ליידער אין ברוקלין? פון אָוועגד איז די טעמפּעראַטור ביי איהם אימער זעהר הויך... דאַן ווערען זיינע יסורים כמעט אונערטרעגליך... נעכטען האָט ער געפרעגט דעם דאָקטאָר — איי־

נעם פון די דריי, וועלכע פּאַסען איהם אויף מיט אַזוי פיעל ליעבע, מיט אַזוי פיעל ערגעבענהייט, מיט אַזוי פיעל זעלבסט־לאָזיגקייט! — נעכטען אַלזאָ האָט ער געפרעגט איינעם פון זיי: „ווי פיעל טעג איז מיר נאָך געבליעבען צו לעבען?“ עהערנעכטען האָט ער געבעטען סם.

איך דערמאָן זיך אָן דעם און טראַכט: איצט ווען סם וואָלט איהם בעפרייען פון ליידען וועט עס איהם קיינער ניט געבען; מען האָט איהם אָבער געגעבען סם בעת ער איז געוועזען געזונד... מען האָט איהם געגעבען פולע בעכערס. מען האָט ניט געזשאַלעוועט...

און פאַר דיעזען שטאַרקען, גרויסען, לפנים געזונדען מאַן איז אימער געווען סם אַלץ וואָס האָט געהאַט אין זיך פאַלשקייט, שלעכטס, אונדאַנקבאַרקייט. זיין האַרץ איז אימער געוועזען אַזוי צאַרט, אַזוי עמפּפינדליך, אַז אַ שטאָכוואָרט איז פאַר איהר געוועזען אַ גיפטיגער פייל און אַ גראָבער ליגען אַ וואָרט־שטאָך.

למשל:

מען קען ניט זאָגען אַז ער האָט פיינט אַפּלאָדיסמענטען. — קיינער האָט זיי ניט פיינט — אָבער ווען אונטער הונדערט וואָס קלאַפּען בראַוואָ איז דאָ איינער וואָס טוט דאָס פון יוצא וועגען פיהלט ער דאָס און פיהלט עס ווי אַ פּאַטש אין פּנים.

ער ליעבט צו הערן, אויב מעגליך אָהן ווערטער: „יפה דרשת!“ דאָרטען וואו ער איז מיט זיין דרשה אליין צופריעדען, אָבער אַ פאַלשער קאָמפּלימענט איז איהם ערגער ווי אַן אונעהרליכער פאָרוואורף. איז פאַר איהם גיפט.

ער איז ניט קיין פּוריטאַנער, האָט זאָגאַר פיינד צניעות און אַ לינקער גלייכוואָרטעל שאָקירט איהם ניט. אָבער ווען ער זיצט אין טהעאַטער און הערט ווי אַ שווישפּיעלער טוט אַ קיצעל דעם עולם מיט דעם וואָס ער גיט זיינעם אַן אונשולדיגען וואָרט אַ פּאַכאַבנעם ניגון, דאַן איז דאָס פאַר איהם ערגער ווי סם־המות. דאַן שפּרינגט ער אויף.

און אָפּט פּאַסירט אַזאַ זאַך:

אַהער קומט, כאָפּט אייך אָן, מאַקסים גאָרקי. פון איהם האָט ער אַ הויכע מיינונג, הגם ער איז ניט בלינד צו די פעהלערן פון׳ם דיכטער באַסיאַק.

גאָרקי שרייבט איהם אַ בריעף, אין וועלכען ער זאָגט, אַז ער וואָלט גערן געזעהן דעם איבערזעצער פון זיין פּיעסע „מיעש־טשאַנע“, וועלכע איז געשפּיעלט געוואָרען אויף דער אידישער ביהנע. ער געהט צו איהם.

„איך וואָלט — שרייבט גאָרקי — צו אייך געקומען, נור איך בין קראַנק“.

ווען ער קומט צוריק זאָגט ער צו מיר מיט אַ שמערצליכען לאַך:

„דו ווייסט? מיר דאַכט, אַלץ וואָס גאָרקי ווייס פון מיר איז אַז איך האָב איבערזעצט זיינע „מיעשטשאַנע“...

און דאָס איז אויך סם פאַר איהם. אָבער כאַראַקטעריסטיש איז פאַר גאָרדינען אַז ער רעדט אָב מיט יענעם אַ האַלבע שעה אויפ׳ן זייגער און וועגען דאָס וואָס ער האָט אויפגעטאָן — ניט אַ זילבע. און ניט זיין בעשיידענהייט לאָזט איהם אין אַזאַ פאַל ניט רעדען וועגען זיך, פערקעהרט, דאָס איז זיין שטאָלץ.

אָבער סם איז דאָס פאַר איהם. איך ווייס דאָס, ווייל אין די ווערטער וואָס ער געברויכט דאָ, אונטערציהענדיג די אונטערסטע שורה צום געשפּרעך מיט מאַקסים גאָרקי, הער איך אַזאַ ניט־ארויסגעבראַכטע רעדע:

„ווען איך וואָלט מיין „מירעלע אפרת“, מיין „גאָט, מענש און טייוועל“, מיין „סאַפאָ“, דעם „מטורף“, „אלישע בן־אבויה“ און די אַנדערע געשריעבען אויף רוסיש! וואָלטען מיך מענשען ווי גאָרקי ניט געקענט? — זיי, וואָס קענען אַ יושקעוויטש, אַן אייזמאַן, אַ טשיריקאָוו און האָבען זאָגאַר פון זיי אַ הויכע מיינונג!“

— אָדער, ענטפער איך איהם אין געדאַנקען, ווען דו וואָלסט געווען אַנאַנדערער, ווען דו וואָלסט ניט געווען דער שטאָלצער, עהר־

ליבער גאָרדין וואָס בויגט זיך ניט פאַר קיינעם, און חנפ'ט קיינעם ניט, און ציעהט ניט אָן זיין זעגעל נאָך דעם ווינד נאָך... ווען דו וואָלסט געווען א פארטיי־סאָציאַליסט מיט 15 יאָהר צוריק, בעת פארטיי־סאָציאַליזמוס איז געווען אין דער מאָדע... ווען דו וואָלסט אריינגענומען איצט אין האנד דעם דגל־מחנה יהודה, און דו וואָלסט אויפ'ן הארצען געטראָגען א מגן־דוד, און דו וואָלסט אין דיין זאַל אויסגעהאנגען א לאַנד־קארטע פון ארץ ישראל, און דו וואָלסט אויף די ליפען אימער געהאט „מיין פאָלק", „עברי אנכי", און אנ־דערע זאַכען, פראַזען און ווערטער, וועלכע זיינען היינט אין דער מאָדע — צו דו גלויבסט אין זיי צו ניט! אָה, ווי אַלץ וואָלט אנדערש אויסגעזעהן! וואָס פאר א „בום" דו וואָלסט געקראָגען! ווי מען וואָלט דיין טהעטיגקייט פאַנאַנדערגעבאַראַבאַנעוועט! אפילו די גאָרקים וואָלטען דאַן ארויסגעפונען אז דו עקזיסטירסט!

„אָדער, הער איך ווי ער זאָגט ניט, ווען איך וואָלט לכל הפחות געשריעבען אין רוסלאַנד... ווען איך וואָלט געווען אין דערהיים... ווען איך וואָלט געבליעבען דאָרטען, וואו אפילו פון תפלין הערט זיך רוסישע לעדער, וואו אין טליתים גע־פינט זיך די וואָל פון רוסישע שעפסען, וואו אין די אידישע בי־טערקייט אין לעבען איז דאָ היימישע נייַנציגער שפיריטוס, און די סאַמע וואַסער אין אידישע פאָעזיע איז פערוואַנדעט צום דניעפּר און בעקאַנט מיט דער וואָלגאַ... ווען איך וואָלט, אַלזאָ, געבליע־בען דאָרטען, אין דערהיים, וואָלטען מענשען, די מענשען, פאַר וועלכע איך בין „יאַקאָוו מיכאַילאָוויטש" פון מיר געוואוסט..."

— אָדער, ענטפער איך ניט, ווען דו וואָלסט לכל הפחות פאַר זיך געקענט אליין „מאַכען רעקלאַמע", זיך רוקען אומעטום! שטעל זיך נור פאָר: א מאַן ווי קאַמפּף מיט א פיעסע ווי „אין'ם פאַראַבענד" — פיסאַרעוו וואָלט געזאָגט: אזא מאַן ווי, במחילה, קאַמפּף מיט אזא פיעסע ווי, איך בעט אייך איבער אייער כבוד „אין'ם פאַראַבענד" — מאַכט אָן מעהר ליאַרעם אין אייראָפּאַ און אמעריקא ווי דו מיט אַלע דיינע בעסטע פיעסען!

מענש, כלל־טהוער, דראַמאַטורג.

דאָ ווערט מיר שרעקליך דושנע. איך טו אָן אַ רעקעל אויף זיך און געה אַרויס צוריק אין גאַס.

דער גרויסער בראָדוויי, וואָס געפינט זיך לעבען מיין דירה נאָהנט פון דעם גרויסען האָדסאָן, דעם טייך, וועלכען ער, דער קראַנקער, האָט אימער אַזוי בעוואונדערט, איז שטיל.

איך שעפּ זיך אָן מיט פרישע לופט, איך אָטהעם זי אריין אין זיך מיט דעם אַפּעטיט, מיט וועלכען מען עסט, ווען מען טראַכט אַרום מענשען וואָס געהען אוים פאַר הונגער. לופט, לופט! וואָס פאַר אַ גוטע זאַך דאָס איז...

מיט אַמאָל דערלאַנגט מיר אַ האַק אין נאָז דער גערוך פון גאַזאָלין. דאָס איז פערבייגעלאָפען אַן אויטאָמאָביל. דאַכט זיך, עס איז שוין נאָך צעהן פון אָוועגד און זיי פליהען נאָך ווי די רוחות! לויפען, אַזוי ווי הינטער זיי וואָלטען זיין יעגערס פון מענשען מיט שפּירהינד ביי זיך, וועלכע ווילען זיי כאַפּען; לויפען, אַזוי ווי זייער געוויסען וואָלט זיי פערפאָלגען און זיי, אַשטייגער, וואָלטען דאָס פון דעם געוויסען זייערן ענטלויפען; לויפען, בקיצור, עפּעס אזוי ווי זיי וואָלטען דאָס לויפען פון זיך, ווייל דאַן לויפט אַ מענש אַם שנעלסטען און וואָס שנעלער ער לויפט, אַלץ מעהר בלייבט ער ביי זיך

און ווידער קומט מיר אריין אין די געדאַנקען די פראַגע:

און ער? איז ער ניט אויך געלאָפען פון זיך?

איהר געדענקט, איך האָב אייך געזאָגט, אז ער איז פון יענע שטאַרקע נאַטורען, וועלכע לאָזען פיעל איבער פון זייער איך אפילו ווען זיי ענטלויפען. אָבער עס וועט כדאי זיין וועגען דעם צו זאָגען נאָך עטליכע ווערטער:

ער אַלס מענש האָט, אַזוי ווייט ווי איך וויים, אימער געלעבט אין האַרמאָניע מיט זיינע בעגריפען, פּרינציפּען און נייגונגען. ער האָט געמאַכט מיט זיך אַמאָל אַ קליינע פּשרה דאָ

אָדער דאָרטען, אָבער דאָס איז געווען פון דעם סאָרט, וועלכער איז אונפערמיידליך אין דעם סאָציאַלען לעבען פון מענשען, אויב אזא סאָציאַלער, געמיינשאַפטליכער לעבען זאָל איבערהויפּט מעגליך זיין.

זיכער האָט ער אויך געמאַכט קאָנצעסיאָנען, אָפּפערנדיג מאַנ־כעס פון זיינע נייגונגען און זאָגאר אידעען צוליעב שלום־בית, אָדער צוליעב גוטע פריינדשאַפט.

אָבער סאַי אין דיעזען, סאַי אין יענעם פאַל האָט ער דאָס געטאָן פיעל וועניגער און פיעל זעלטענער ווי יעדער אַנדער מענש. אויב, דערפאַר, דאָס און יענעס קען אָנגערופען ווערן לויפען פון זיך, דאַן איז דאָס ביי איהם אויך געווען דער פאַל, אָבער, פון דער אַנדערער זייט, אין א פיעל, פיעל שוואַכערער מדרגה ווי ביי די מייסטע פון אונז. אַלס מענש האָט ער אַלזאָ געלעבט פאָרט קאָנסעקווענטער, פרייער, אונאַבהענגיגער ווי פיעלע אַנדערע.

אַלס עפענטליכע פערזאָן, אַלס דאָס וואָס מען רופט היינ־טיגע צייטען כלל־טוער איז ער כמעט אימער געווען מיט זיך אַליין אונטער איין דעקע. זעלטען, זעלטען ווען געפינט איהר איהם אין א לאַגע אז ער זאָל אייך אויסווייזען אינקאָנזעקווענט אין זיינע האַנדלונגען, סאַי אין פּאָליטיק — אזוי ווייט ווי ער האָט זיך דערמיט איבערהויפּט אָבגעגעבען — סאַי אין קהל'שע ענינים, וואָס האָבען א שייכות מיט אונטערשטיצונג, אויסבילדונג און בעלעהרונג פון אַלע וואָס נויטיגען זיך אין יעדע, אָדער איינע פון די דריי זאַכען, סאַי אין זיין פערהעלטנים צו דער פּרעסע און צו פערשיעדענע אָרגאַניזאַציאָנען.

וואו ער איז שוין עפּטער געלאָפען פון זיך איז אין זיין קינסטלער־לעבען, אַלס דראַמאַטורג בכלל און אַלס אַזעלכער וואָס שרייבט לשמיה ולשמה פאַר'ן טהעאַטער בפרט.

קודם כל שרייבט ער ניט נור דירעקט פאַר'ן טהעאַטער, נור כמעט אימער פאַר דעם אָדער יענעם אַקטיאָר, פאַר די אָדער יענע אַקטריסע. דאָס אַליין מאַכט שוין נויטיג א געוויסען גראַד פון קאָמ־

פראָמים מיט די איינענע אידעען און אנזיכטען, — אפילו איצט און א פשיטא שוין אין אָנהויב, אָדער נאָך מיט א יאָהר צעהן צוריק.

אָבער חוץ וואָס ער האָט צו שרייבען פאַר געוויסע פערזאָנען — און דאָס האָט דער פראַנצויז סאַרדו און מעהר ווי איין ענגלישער טהעאַטער־דיכטער געהאַט צו טאָן — שרייבט ער פאַר אידישע טרופּעס, וואָס האָבען א געוויסע צאָהל פערזאָנען און די מענעדזשערס האָבען פיינט „דראַמאַיעדניקעס“. ווען זיי בעשטעלען א פּיעסע ביי א שרייבער, אָדער ווען א שרייבער מאַכט א פּיעסע האָבענדיג אין אויג געוויסע מענעדזשערס מיט זייער טרופּע, מוז דער דאָזיגער דראַמאַטורג געדענקען, אז יעדער אין דער טרופּע מוז האָבען ארבייט, מחמת, מיסטער־לעבען, מען צאָהלט יוניאָן־וויידזשעס און ווען חיים, ברוך און זרח זיינען אין אונזער טרופּע מוזען זיי אין אייער נייע פּיעסע האָבען וואָס צו טאָן. מיר קענען ניט צאָהלען שכירות פאַר ארומגעהן לעדיג, אָבער אפילו ווען מיר וואָלטען געוועהן צופריעדען דערמיט, דאַרף מען ניט פערגעסען צוויי אנדערע זאַכען:

ערסטענס, וויל יעדער אַקטיאָר האָבען א ראָלע אין אַן ערפאָלגרייכע פּיעסע, און אנדערע ווערען לכתחילה ניט בעשטעלט, חוץ אַזעלכע וואָס פערזאָרגען מיט ראָלען די גאַנצע טרופּע. און פּונקט ווי נור אַזעלכע ווערען בעשטעלט אויב דער ליעפעראַנט פון דראַמען איז א שטענדיגער ביי א געוויסע טרופּע, אזוי ווערען נור אַזעלכע אָנגענומען אויב זיי ווערן פון דער זייט, דאָס הייסט, פון א זייטיגען שרייבער אָנגעבאָטען.

צווייטענס, איז דאָס פּובליקום ניט גליקליך סאַידען עס געפינט אויף די פּלאַקאַטען (פּאָסטערס) פון יעדען טהעאַטער אלע זיינע ליעבלינגע. זיך פאָרצושטעלען, אז אין א טרופּע איז דאָ אזא און אזא „בעליעבטער קינסטלער“ און ער האָט אין די נייע פּיעסע קיין ראָלע ניט, איז כמעט ניט מעגליך ווען מען בעקלערט וואָס דאָס „ווערטהע פּובליקום“ האָט פאַר רעכטע, פּריווילעגיעס און קאַפּריזען.

ועל כולם ליידעט דער דראַמאַטורג אין די אַנגלאָ־זאַקסישע לענדער — און דורכאויס ניט דוקא ביי אידען אליין — פון דעם פערפלוכטען סטאַר־סיסטעם. דער מענעדזשער מוז ניט נור שפּיעלען די הויפּטראָלע, עס מוז די הויפּטראָלע אזוי געשריעבען, אָדער צוגעשניטען ווערן, אז זי זאָל איהם פּאַסען, אז ער זאָל זי קענען שפּיעלען, הגם ער האָט אין זיין טרופּע, אָדער וואָלט לייכט געקענט האָבען אימיצען וואָס זאָל בעסער קענען אויספיהרען דעם דראַמאַטיסט׳ס אידעע.

און טאָמער איז דאָס נאָך אויך ניט גענוג, איז כמעט יעדער סטאַר א בעווייבטער און דאַן מוז זי אימער זיין יוליא וואו ער איז ראָמעאָ, וואָס דאָס מוז דער מאָדערנער שעקספּיר אימער האָבען אין אויג.

די אונטערסטע שורה איז: דער אידישער טהעאַטער־דיכטער מוז בעדייטענד לויפען פון זיך, פון זיין בעסערן איך אויב ער וויל שרייבען צום שפּיעלען און שרייבען אזוי אז מען זאָל זיי ווע‏לען שפּיעלען.

ווי זאָגט מאַרק טווין? „שרייבען פּיעסען איז א קטנית, א גאָרנישט, שווער איז זיי פערקויפען“. און שרייבט מען צום פערקויפען, דאַן קען אפילו א גאָרדין מיט זיין גאַנצען שטאָלץ, מיט זיין גאַנצע אונאָבהענגיגקייט, מיט זיין גאַנצע קאָנסעקווענץ, מיט זיין גאַנצען קונסטזין ניט אויספיהרען אלץ וואָס ער וואָלט געוועלט, — געוועלט פּיעללייכט נאָך מעהר ווי זיינע קריטיקער.

איך זאָג: ניט אלץ, ווייל פיעל האָט ער פון דעסטוועגען אין דעם פּרט אויסגעפיהרט, דאָס הייסט אין דעם פּרט אויך.

זיינע ווערקע און זיין פּערזאָן.

איך שפּאַציער נאָך אַ וויילינקע אַרום אין בראָדוויי און, ענדליך, אַזוי ווי דער זייגער איז שוין עלף, געה איך אריין אין הויז.

די גאַס שלאָפט. שטיל איז אומעטום און זעלטען וואו ברענט נאָך אַ ליכט אין די צימערן וואָס קומען ארויס צום פראָנט. נור ביין ווינקעל, אין די הויז, וואָס געפינט זיך אויף דער זיד־וועסט־ליבער זייט פון מיין גאַס אויף אַמסטערדאַם עוועניו, איז ליכ־טיג אין אַלע צימערן, איז ליכטיג די גאַנצע נאַכט: דאָס איז אַ פּאָליציי־שטאַציאָן, נור דאָרטען, זעהט זיך איצט ליכט און לע־בען, אָבער ניט דאָרטען אליין: ביי א י ה ם, אין ברוקלין, אויך. נור ביי איהם וועט, ווי עס שיינט, אין קורצען אויסגעהן דאָס ליכט צוזאַמען מיט'ן לעבען, און זיין צימער וועט ווידער ווערן ביי־נאַכט פינסטער, ווי עס בעדאַרף צו זיין.

און אריינקומענדיג צוריק אין שטוב אריין, נעהם איך אין האַנד אריין אַ פּעקעל — אַ שטיקלעך צוועלף — פון זיינע דראַמען.

איך זיץ און בלעטער, בלעטער און לייען, דאָ אַ פּאָאָר זייט־לעך אין איינע, דאָ אין די אַנדערע פון זיי. די צייט געהט, מיינע אויגען פאַנגען ווידער אַמאָל אָן זיך צו שליסען פון הוילע מידיגקייט, אָבער איך בעזיעג דעם שלאָף, דעם טעמפּאָרערען טויט. מיר ווילט זיך לעזען און לעזען, לעזען אַלץ וואָס איך האָב פון איהם גע־דרוקט, מיר ווילט זיך דענקען וועגען איהם, מיר ווילט זיך זיין מיט איהם...

און לעזענדיג, קלער איך:

נעהמט דיעזע דראַמען, מיט די פּערזאָנען אין זיי. קריטיזירט זיי און אַלץ אין זיי — סוזשעט, שפּראַך, טיפּען, גרופּירונג, דיעזע אָדער יענע איינצעלהייט, דיעזען אָדער יענעם דיאַלאָג — קרי־טיזירט דאָס אַלעס פון וועלכען שטאַנדפּונקט איהר ווילט אַליין, וואָס פאַר פאָדערונגען איהר זאָלט דעם דראַמאַטורג ניט שטע־

לען; קריטיזירט און פערדאַמט ווי פיעל אייער הארץ געלוסט, איינס אָבער וועט איהר מיר מוזען צוגעבען:

וועלכע פּיעסע איהר זאָלט ניט אריינגעהמען אין האנד, אויף וועלכע שטעלע איהר זאָלט דאָס ביכעלע ניט עפענען, וועט איהר אומעטום געפינען לעבעדיגע מענשען, לעבעדיגע אידישע טיפּען. לויטער פּערזאָנען פון פלייש און בלוט און מארך אין די ביינער, פּערזאָנען, וועלכע זיינען ניט קינסטליך בעשאַפען געוואָרען, נור אַזעלכע וואָס שטעהען אייך קלאָר פאר די אויגען, זיי מיט זייערע ליידען און זייערע פריידען, מיט זייער גליק און זייערע שמערצען, מיט זייער פיינקייט און זייער גראָבקייט, מיט זייער ליעבע און זייער האַס.

וואָס אייער פּעדער וועט פון זיי ניט דערצעהלען, אייער מע־סער דארף נור ערגיץ אין דיעזע אַלע דראַמען אַ שניט טאָן און עס הויבט גלייך אָן פליסען ווארעמע מענשליכע בלוט.

דער בעשאַפער פון דיעזע ווערק וועט פיעללייכט אין גיכען שטאַרבען, אָבער זיינע גייסטעסקינדער וועלען בלייבען לעבען, ווייל די מענשהייט, פון וועלכע זיי זיינען אמת'ע מוסטער־פּראָ־בען, קען קיינמאָל ניט אונטערגעהן; ווייל דער איד, וואָס לעבט אין זיינע ווערקע, און לעבט דאָרטען מיט אַלע זיינע מעלות און חסרונות, מיט זיין גאַנצע ערהאַבענהייט און לעבערליכקייט, מיט יעדען אויסדרוק פון זיין נאַציאָנאַלען פּנים און מיט יעדען קניי־טשעלע פון זיין פאָלקס־נשמה, — ווייל דער איד אַלס אַ טהייל פון דער מענשהייט קען ניט און וועט ניט שטאַרבען!

נאָך וואָס: כמעט יעדע איינציגע פון זיינע דראַמען איז אַ סאָציאַלער פּראָבלעם, אַ טהייל פון די גרויסע סאָציאַלע פראַגע, וועלכע בעשעפטיגט כסדר זיין מוח און בעוועגט כסדר זיין הארץ.

און איצט איז צייט צו געהן שלאָפען. דער זייגער האָט נאָר־וואָס געשלאָגען 12... האַלבע נאַכט!

מיר ווילט זיך איהם זאָגען: „גוטע נאַכט, דיר, גאָרדין!“ אָבער איך קלער, אַז ער איז פיעללייכט דאָרטען אין ברוקלין נאָר־

וואָס איינגעשלאָפֿען און איך קען איהם מיט מיין „גוטע נאַכט" צו־שטערן אַ גוטע נאַכט...

איך טו זיך אויס און נעהם אריין אין האַנד צום לייענען פאַר'ן שלאָף זיין „אלישע בן אבויה". עפּעס אַזוי ווי איך וואָלט דאָס פריהער קיינמאָל ניט בעמערקט, ווערט מיין אויג צוגעצויגען צו די צוויי ווערטער אויפ'ן פאָרדער־בלאַט: „יעקב גאָרדין" און איך פער־טראַכט זיך פון דאָס ניי.

יעקב גאָרדין! ער שטאַרבט אין אַ צייט ווען מען וויל ניט מעהר, און ניט אַליין, וויסען צו אַ מענש איז געווען אַ איד אָדער ניט אַ איד; הייגט וויל מען וויסען, וואָס פאַר אַ איד דער אָדער יענער איז געווען. און טאָמער פרעגט מיך אימיצער אַזאַ פראַגע, איז מיין ענטפער אין צוויי ווערטער דיעזער:

ער איז י ע ק ב מיט דעם פאַמיליען־נאָמען גאָרדין. איינ־פאַך יעקב. דאָס איז אַלץ וואָס איהר דאַרפט וויסען.

ניט „יאַנקעל", צו געפעלען די פרומע, די וואָס וואָלטען איהם אפשר נאָך ליעבער געהאַט ווען ער וואָלט געווען פרום גענוג גע־רופען צו ווערן „ר' יאַנקעל";

ניט „דזשייקאָב", צו געפעלען די אַסימיליאַטאָרס, די אויס־אידען, די וועלכע וואָלטען איהם אפשר נאָך ליעבער געהאַט ווען ער וואָלט געווען אַסימילירט גענוג אום גערופען צו ווערן „דזשיימס".

ער איז אַלזאָ דער סאָרט איד, וואָס איז ניט ר' יאַנקעל און אפילו ניט יאַנקעל; וואָס איז ניט דזשיימס און אפילו ניט דזשיי־קאָב, נור איינפאַך יעקב — יעקב גאָרדין.

איך לעג זיך שלאָפען, אָבער איך שלאָף ניט איין.

* * *

ווער וויס, צו אימיצער פערשטעהט, פאַלט מיר איין, אַז דער שליסעל צו זיין כאַראַקטער געפינט זיך אין „מירעלע אפרת"? געוויס ניט.

און דאָך דאַרף מען נור אויפמערקזאַם בעטראַכטען דיעזען וואונדערבאַרען טיפּ פון זיין גרויסע דראַמע; דיעזע פרוי וואָס איז אימער שטאָלץ, און שטייף, און אונאַבהענגיג, שטייף און מאַיעס־טעטיש אין איהר שטעלונג צו מענשען, צו דער וועלט; איז אָבער צו דערזעלבער צייט אויך אימער ליעבענד, איינזיכטספול, נאָכ־גיעביג, — מען דאַרף נור בעטראַכטען דיעזען טיפּ און מען זעהט לייכט, אַז דאָס איז זיין איינענער כאַראַקטער.

מען זעהט דאָן גאָרדין דעם מאַן, וועלכער ווערט אימער בע־זיעגט פון גאָרדין דעם מענש; דעם שטאַרקען, וואָס ווערט בע־זיעגט פון דעם גוטען; די קראַפט, וואָס ווערט בעזיעגט פון דער ליעבע.

* * *

צייט איינצושלאָפען.

אָבער מערקווירדיג! דאָס איז געוועזן א טאָג, איינער פון די זעלטענע טעג וואָס איך האָב איהם פּנים־אל־פּנים דוקא נ י ט ג ע ז ע ה ע ן.

און דאָך איז דאָס דער איינציגער טאָג אין די לעצטע עט־ליכע וואָכען, וואָס איך האָב צוגעבראַכט פון זיעבען אין דער־פריה ביז איצט, ביז האַלבע נאַכט, יעדע מינוט מיט איהם, יעדע איינציגע מינוט.

מאָרגען פריה וועלען מיר האָבען נייעס...

נאכווארט

צוויי וואָכען זיינען פערגאַנגען זינט דעם טאָג, וועלכער איז אין דיעזע בלעטער בעשריעבען געוואָרען.

אין דיעזער צייט איז עס טעגליך געגאַנגען פון שלעכט צו ערגער, ביז אפילו די פרוי און די קינדער, וועלכע מיר האָבען די גאַנצע צייט געגאַרט, זיי טאקע ניט געבענדיג קיין האָפנונג, אָבער פון זיי בעהאַלטענדיג דעם שרעקליכען פאקט, אַז ער ליידט פון אַ קרעבס און אַז זיין סוף איז אַ פראַגע פון וואָכען, אפשר טעג.

מיט אַ טאָג אָדער צוויי פאר דעם 27טען מאַי איז ער נאָך געווען כמעט מונטער, דאָס הייסט, צייטענווייז; ער האָט נאָך גע־האַט רוהיגע, כמעט האָפנונגספאָלע מאָמענטען.

איהם בעזוכענדיג רעגעלמעסיג יעדען טאָג ביז ענדע מאַי, האָב איך אויסגענוצט די געלעגענהייט ווען ער האָט זיך געפיהלט אַ ביסעלע „פרייער“, ווי מיר זאָגען אין דער ליטאָ, מיט איהם צו רעדען וועגען די פראַכט־אויסגאַבע פון זיינע ווערקע.

אין אָנהויב האָט ער גאָר ניט געוואָלט הערען, הגם איך האָב דעם געשפּרעך איינגעפעדימט זעהר דעליקאַט, כמעט דיפּלאָמאַ־טיש.

„איבער דיר, — האָב איך צו איהם געזאָגט, ארייננעהמענדיג זיין האנד אין מיינע און זי צערטלענדיג מיט אלל׳די ליעבע וואָס האָט זיך איינגעפונען אין מיינע פינגער, — „איבער דיר בין איך אריבערגעפאָהרען, קומענדיג אהער, גאַנצע זעקס בלאָק“.

— ווי אזוי? האָט זיין בליק געפרעגט.

„אָט, לעזענדיג דיין „אלישע בן אבויה", האָב איך געזאָגט. און ווייסטו וואָס? האָב איך האסטיג פאַרטגעזעצט, מורא האָבענ־דיג, אז דער גינסטיגער מאָמענט קען פיעליכט באַלד זיין צו־ענד, — „אפילו דיזע פיעסע איז אָבגעדרוקט מיט שרעקליך פיעל פעהלערן".

איך האָב דאַן אָנגעהויבען איהם צו שילדערן אונזער פּלאַן. עפּעס אזוי ווי צו פּראָטעסטירען געגען מיין קומען צו איהם מיט אזעלכע נאַררישקייטען, האָט ער ארויסגענומען זיין האנד פון מיי־נע, דאָס פון דעסטוועגען טוענדיג כלומרשט אום אראָבצוציעהען פון זיך א שטיק דעקע — כדי איך זאָל זיך ניט געפינען בעליי־דיגט.

די אייז איז אָבער געוועזן געבראָכען און איך בין ניט געבליע־בען אין מיטען. האָב ווייטער גערעדט:

„דו דארפסט ניט פערגעסען, האָב איך געזאָגט, אז די הוצאה אין דיין הויז איז איצט א שרעקליכע און קיין הכנסה וועט אזוי גיך ניט זיין. אזא פּראַכט־אויסגאַבע קען אריינברענגען שעהנע געלד. דער עיקר איז פון דעסטוועגען ניט דאָס געלד. עס איז גלאַט שוין צייט, אז עס זאָל ארויסקומען אַן אוניפאָרמע אויסגאַבע פון דיינע דראַמען, ריין פון די דרוקפעהלערן, וועלכע ווימלען אין די ביז־איצטיגע אויסגאַבען, שוין גאָר ניט רעדענדיג פון די רוסישע אָבדרוקען, וואָס זיינען איינפאַך סקאַנדאַלעז צוקאַליעטשעט..."

און ווי איך האָב גערעדט איז ער געוואָרען מעהר און מעהר בעלעבט. דעם „פּערפאָסער'ס איינענליעבע", ווי מען רופט דאָס, האָט דאָ זיך דערוועקט ביי איהם. ער האָט ארויסגעוויזען אַן אינטערעס אין עטוואָס צום ערסטען מאָל זינט מיר האָבען איהם געבראַכט פון'ם בית ישראל האָספּיטאַל, — אַן אינטערעס, וויל איך זאָגען, אין זאכען וואָס זיינען נוגע צו זיין הויז און זיין נאָמען. איך האָב זיך געפיהלט ערמונטערט און האָב געזאָגט:

„הייסט עס, מיר האָבען דיין צושטימונג. איצט וועלען מיר זיך נעהמען צו דער ארבייט... איך וועל אָנשרייבען א פּראָספּעקטוס,

וועלכער וועט אריינגעגעבען ווערען אין די „וואָרהייט“, דעם „פאָר־ווערטס“ און זאָגאר אין די קאָנסערוואַטיווע צייטונגען. דעם פּראָס־פּעקטוס וועל איך דיר פאַרלעזען אזוי גיך ווי דו וועסט זיך פּיה־לען אים שטאַנד איהם אויסצוהערען...“

— דו וועסט האָבען לאַנג צו וואַרטען... האָט ער געזאָגט.

* * *

מעהר האָב איך שוין מיט איהם ניט גערעט ביז דעם לעצטען אָווענד פון זיין לעבען.

וואָס האָט פּאַסירט יענעם אָווענד האָב איך בעשריעבען אין דער וואָרהייט פון דעם פאָלגענדען מאָרגען (דעם 11טען יוני), אין אַן ארטיקעל וועלכען איך וועל דאָ איבערגעבען.

אויספיהרליך שילדערן זיין טויט קען איך אין דיעזען אוי־גענבליק פּאָזיטיוו ניט, אויב דאָס זאָל אָבער געטאָן ווערן אין עטליכע ווערטער, דאַן קען איך, דאַכט זיך, ניט טאָן בעסער ווי אי־בערדרוקען יענעם ארטיקעל, — יענעם ערסטען געשריעבענעם קרעכץ, ווי ער האָט זיך ארויסגעריסען פון מיין ברוסט, ביי א טיש אין גאָרדינ'ס הויז דריי שעה נאָך זיין טויט.

אָט איז דער ארטיקעל (דאָטירט, 11 יוני 1909):

“FINITA LA COMMEDIA!”

יעקב גאָרדין איז א פּערטעל נאָך צוועלף אריבערגעגאַנגען פון'ם לעבען אין די געשיכטע פון זיין פאָלק און אין די וועלט־געשיכ־טע מיט דיעזע ווערטער:

„פיניטא לא קאָמעדיא!“ די קאָמעדיע (די לעבענס־קאָמעדיע) איז צו ענד.

מיר, זיינע נאָהענטע פריינד, האָבען איינער צום אנדערן גע־זאָגט דיעזע ווערטער מיט דריי — פיער וואָכען צוריק, נאָכדעם ווי די צוויי פּראָפעסאָרען האָבען געמאַכט אונזער אַלעמענס פורכט און בעפירכטונג פאר א געוויסהייט. פון יענעם אָבענד אָן האָבען מיר איהם בעקלאָגט אלס א געשטאָרבענעם די גאַנצע צייט. דאָס האָט עס מעגליך געמאַכט, אַז דער וואָס שרייבט דיעזע צייַלען

זאָל דיעזע צייל׳ען קענען שרייבען. דאָס האָט עס מעגליך געמאַכט, אז מען זאָל איבערהויפּט דעם פערשטאנד ניט פערליערען ביי דעם אָנבליק פון אזא שרעקליכען פערלוסט פאר זיין פאַמיליע, פאר זיי־נע נעהנטערע פריינדע, פאר זיינע פערעהרער, פאר די אידישע ביהנע בפרט און פאר דעם אידישען פאָלק בכלל.

דאָס איז געוועזען א פערטעל נאָך ניין נעכטען פון אבענד.

דורך א צופאַל בין איך געוועזען דער איינציגער פון זיינע פריינ־דע, חוץ די פאַמיליע און די נוירסעס, אין הויז.

איך האָב געצווייפעלט צו זאָל איך ארויפגעהן אין קראנקען־צימער אויבען צו ניט.

מיט אמאָל קומט ארונטער די טאָג נוירס און זאָגט מיר, אז ער וויל מיך זעהן.

דאָס איז געוועזען דאָס ערסטע מאָל אין צעהן טעג וואָס ער האָט ווידער אזא וואונש אויסגעשפּראָכען. מיט א שרעק אין הארצען בין איך צו איהם ארויפגעגאנגען.

ער האָט אויסגעזעהן פיעל בעסער ווי איך האָב ערווארטעט איהם צו געפינען, וויל דורכ׳ן טאָג האָבען מיר געהערט שרעק־ליכע רעפּאָרטען.

איך האָב ארייגנענומען זיין האנד אין מיינע, האָב איהם שטארר אָנגעזעהן און האָב ערווארטעט יענעם „געזאנג אָהן ווער־טער", וועלכען זיין שיידענדע, לאנגזאם שיידענדע, גרויסע, עדעלע נשמה האָט געזונגען אין די לעצטע צייט; האָב ערווארטעט איינע פון יענע סצענעס, יענע שטילע, שטומע סצענעס, צו וועלכע מיר אלע האָבען זיך שוין געהאט צוגעוואוינט.

פּלוצלונג דערהערט זיך זיין קול. ער דערהערט זיך ניט אין „וויספערס", ווי ער האָט גערעדט כמעט זינט ער איז צוריק גע־קומען אהיים פון׳ם בית־ישראל האָספּיטאל ; ניט האלב פערשטיקט, ווי א וואָך פריהער, ווען אייך האָט זיך אָבגעדוכט, אז דאָס הערט איהר זיין קול עפּעס ווי שוין ארויסקומענדיג פון׳ם קבר.

קלאָר און כמעט הויך האָט ער זיך געהערט ; ער האָט געזאָגט:
„ווינטשעווסקי, פיניטא לא קאָמעדיא!“
אזוי הויך און אזוי קלאָר, אַז אַלע אין צימער האָבען געהערט די ווערטער, יעקב גאָרדין'ס לעצטע ווערטער אויף דער וועלט.

מעהר האָט ער שוין ניט גערעדט.

אַ שעה שפּעטער האָט ער שוין כמעט קיין זאך ניט געפיהלט און ניט פערשטאַנען הוץ דאָס, וואָס איז נוגע געווען צו זיין האלב דערשטיקטען אָטהעם.

ארום האלב נאָך עלף האָט ער שוין ניט געהאַט קיין בעוואוסטזיין.

פון פינף מינוט פאר צוועלף ביז א פערטעל נאָך צוועלף — אין צייט פון 20 מינוטען האָט ער געענדיגט שטארבען.

דאָן האָט זיך זיין גרויסער גייסט געזעגענט מיט זיין קערפער און די אידישע טהעאטער־קונסט און פיעל בילדענדע און ערציהענדע אינסטיטוציאָנען און פעראיינען זיינען געוואָרען יתומים.

אין זיין הויז, צווישען פיעלע צובראָכענע הערצער פון זיין הויז־געזינד און זיין גוטע נאָבעלע פרוי קומען דיעזע צייל‏ען ארויף אויפ'ן פאפּיער.

דער טייערער קערפּער איז ערסט ניט לאנג קאַלט געוואָרען. עס איז דארום ניט דיא צייט און ניט דער אָרט אָבצושאצען גאָרדינ'ס פערדיענסט, גאָרדינ'ס ווערטה אַלס דראמאטורג, לעהרער און פאָלקס־פריינד.

געזאָגט ווערען קענען דאָ נור צוויי ווערטער :

זיין לעבען איז געשלאָסען. זיין שפּיעל איז אָבגעשפּיעלט און אויסגעשפּיעלט. דאָס דראמא, וועלכעס דאָס לעבען האָט געהאַט אויפגעפיהרט אין דעם טעמפּעל פון זיין גרויסע, רייכע הארץ איז צו־ענד. ארונטער איז דער פאָרהאנג און אויסגעלאָשען זיינען די ליכט און דער אָרקעסטער שווייגט .וואָס אנבעטריפט זיין אינערליכען, זיין פּריוואט־לעבען איז ער גערעכט, ער וואָס איז נאָר־

וואָס איינגעשלאָפּען נאָך אזוי פיעל שווערע, קוועלענדע ליידען, וואָס נור זיין ריעזען־געביי האָט געקענט אריבערטראָגען, אין דעם פּרט איז ער גערעכט:

פיניטא לא קאָמעדיא!

אָבער עס איז דאָ אַנאַנדער געזיכטס־פּונקט.

גאָרדין האָט אימער אייגענטליך געשוויעגען בעת זיין שטימע האָט גערעדט אַם דייטליכסטען, אַם קלערסטען, אַם קלינגסטען, ער־הייטערנדיג די הערצער און זיי ריהרענדיג, וועקענדיג די מוחות און זיי בילדענדיג, מאָלענדיג די זיטען און זיי מאכענדיג מילדער, ריינער און מענשליכער. ער האָט אימער גערעדט דורך פרעמדע ליפּען, מיט פרעמדע צינגער.

אזוי וועט ער אויך ווייטער רעדען, אונזער גרויסער יעקב גאָרדין. אזוי וועט ער רעדען כל־זמן ווי עס וועט זיין א אידישעס פאָלק, אפילו אין דעם פאַל ווען זיי וועלען שוין זיין לשון מעהר נים פערשטעהן און וועלען איהם מוזען הערען אין פרעמדע לשונות וואָס זיי וועלען מאכען פאר זייערע.

אין דעם זין וועט ער אין זיינע ווערקע איצט ערסט אָנהויבען צו לעבען, א געליעבטער און געאכטעטער דיכטער, א כהן־גדול אין דעם בית־המקדש פון די אויפבליהענדע אידישע קונסט.